בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְן פון חִיזוּק, אֱמוּנָה און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח

תשפ"א

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

**חיזוק יומי**

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

## עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֶעג אִיךְ שִׁיקְן מַיינֶע קִינְדֶער צוּ מַיין מַאמֶע?.............................א

אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע בִּיזְנֶעס, פַאְרוָואס וַואקְסְן מַיינֶע חוֹבוֹת כְּסֵדֶר?..............ד

אֵיינֶער בַּא'גַנְבְ'עֶט מַיין טַאטֶע, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?............................ה

וָואס טוּט מֶען וֶוען דֶער מַאן פַארְלַאנְגְט צוּפִיל זַאכְן? ...........................ו

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְן אַ תּוֹרָה'דִיגֶע שְׁטוּבּ, אַז מַיין מַאן לָאזְט אָפּ כּוֹלֵל?...ז

וואו אִיז דֶער מְקוֹר אַז פַאר בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ וֶועט זַיין אַ מַבּוּל פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת?..............................................................................י

וֶוער אִיז דֶער אֶמֶת'עֶר צַדִיק אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר?............................יב

וָואס מֵיינְט: "אוֹיבּ אֵיינֶער דַארְף מִיר נִישְׁט, דַארְף אִיךְ יֶענֶעם טוֹיזְנְט מָאל נִישְׁט?"...........................................................................יד

אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֶעבְן אַ קוּשׁ פַאר אַ קִינְד? ..............................טז

## אִישׁ אֱמוּנוֹת

אַ סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה אוּן אַ תִּיקוּן שׁוֹבָבִ"ים .................................א

בַּאנֶעמְט זִיךְ מִיט יֶעדֶעס קִינְד וִוי אַן אֵיינְצִיג קִינְד ............................ב

שָׁלוֹם בַּיִת מִיט דִי רִיכְטִיגֶע אַנִיאָגְרַאם נוּמֶערְן ...............................ב

מִיטְ'ן הֶעלְפְן צָאלְן דִי רֶענְט פַאר דִי יְשִׁיבָה הָאט מֶען אַ חֵלֶק אִין אַלֶע הֵיילִיגֶע צְדָקוֹת אוּן פְּעוּלוֹת...........................................................ד

צְדָקָה פַאר דִי 'בָּנֵינוּ' פּוּשְׁקֶע .......................................................ה

וָואס קֶען מֶען טוּן צוּ בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע?..............................ו

נִישְׁט אַרײַנְנֶעמֶען אַ פָּאוֹן אִין שְׁטוּב, אֲפִילוּ מִיט אַלֶע אֲפִילוּ׳ס ..................ז
פְרֶעג דַײן קִינְד יֶעדְן טָאג אוֹיבּ זִי פִּירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין שׁוּלֶע..........ח
יֶעצְט בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז דִיר נוֹגֵעַ פַאר יֶעצְט ........................ח
קוּם מִיטְהַאלְטְן דִי חָתָן שִׁיעוּרִים ..........................................ט
פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם גִלָיוֹן אִין עֶנְגְלִישׁ אִין דַײן גֶעגְנְט ..............................י
אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק פָארְן צוּם צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ .........י
אִיךְ הָאבּ דוּ אִינְוֶועסְטִירְסְט אִין גוּטֶע פְלֶעצֶער וָואס בְּרֶענְגֶען זִיכֶערֶע
פַארְדִינְסְטְן ............................................................יא
אוֹיף אֵיינֶעם וָואס טוּט, הָאבּ מֶען אַלְץ טַעֲנוֹת.............................יא
פְרִישְׁט אַייךְ אוֹיף מִיט אַ שִׁיעוּר הִתְחַזְקוּת.................................יב
פִיר זִיךְ וַוייטֶער אוֹיפְ׳ן רִיכְטִיגְן וֶועג, וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַײן שִׁידוּךְ ... יג
אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיסְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, וֶועסְטוּ אַ חָתָן וֶוערְן בְּקָרוֹב . יג
אַ מְחַיֶה׳ צוּ זֶען וִוי שֵׁיין דוּ פִירְסְט זִיךְ אוֹיף.................................יד
מַאךְ נִישְׁט חוֹזֶק פוּן דַײן וַוייבְּ׳ס עֶלְטֶערְן...................................יד
מֶען דַארְף אָנְנֶעמֶען דֶעם פְּסַק פוּנֶעם דַיָּין ..................................טו
מִנְהָגִים אִין טָאג וָואס דָאס קִינְד בַּאקוּמְט פֵּיאוֹת ..........................טז
שִׁידוּכִים רֶעדְט מֶען נָאר צוּ דִי עֶלְטֶערְן, נִישְׁט צוּ דִי בָּחוּרִים .................יז
טוּ אַלֶעס וָואס דוּ קֶענְסְט עֶס זָאל זַײן שָׁלוֹם....................................יז
וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פְרֶעגְן הֲלָכָה שְׁאֵלוֹת, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען ......... יט
וִוי נָאר מֶען הֵייבְּט אָן טוּן, הֵייבְּט זִיךְ אָן סְפֵיקוֹת מִיט חֲלִישׁוּת הַדַעַת ........כ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מֶעג אִיךְ שִׁיקְן מַיינֶע קִינְדֶער צוּ מַיין מַאמֶע?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי בְּרִיוו [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], אַז אִיךְ זָאל שִׁיקְן מַיינֶע קִינְדֶער צוּ מַיין מַאמֶע ווִילַאנְג עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סַכָּנָה פַאר זֵיי דָארְט צוּ זַיין.

ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן וָואס מֵיינְט אַ סַכָּנָה, צְווִינְגֶען אַ קִינְד צוּ עֶסְן? רֶעדְן צוּ אַ קִינְד קֶעגְן דִי עֶלְטֶערְן אוּן פַארְדְרֵייעֶן אַ קָאפּ בִּיז זִי פִּירְט אוֹיס?

אִיךְ פְרֶעג נִישְׁט נָאכְאַמָאל ווייל אִיךְ ווִיל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר עֶנְטְפֶערְן וָואס אִיךְ ווִיל הֶערְן, אִיךְ פְרֶעג נָאר ווייל אִיךְ ווִיל טַאקֶע ווִיסְן וָואס מֵיינְט אַ סַכָּנָה? אִיךְ ווִיל טוּן וָואס אִיז גוּט פַאר יֶעדְן.

לֵיידֶער הָאט מֶען מִיר נִישְׁט רִיכְטִיג אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי מִצְוָה פוּן מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ו׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**דִי אַלֶע זַאכְן וָואס אִיר רֶעכְנְט אוֹיס אִיז נִישְׁט קַיין סַכָּנָה; עֶלְטֶערְן מֶעגְן**

און דַארְפְן אוֹיסלֶערְנֶען קִינְדֶער זֵיי זָאלְן עֶסְן, עֶס פַּאסִירְט גָארְנִישְׁט אַז מֶען צְווִינְגְט אַ קִינְד צוּ עֶסְן.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כב, טו): "אִוֶּלֶת קְשׁוּרָה בְלֶב נָעַר", אַ קִינְד אִיז פַּארְקְנִיפְּט מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, "שֵׁבֶט מוּסָר יַרְחִיקֶנָּה מִמֶּנּוּ", דִי מוּסָר וָואס דִי עֶלְטֶערְן מוּסָר'ן דִי קִינְדֶער, דָאס טוּט אַוֶועק נֶעמֶען דִי נַארִישְׁקֵייטְן; עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ וֶוען עֶלְטֶערְן הֵייסְן דִי קִינְדֶער זָאלְן עֶסְן.

אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער קֶעגְן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן און קֶעגְן אַייעֶר מַאן'ס עֶלְטֶערְן; דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ פַאר זֵייעֶר חִינוּךְ אִיז וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי דִי עֶלְטֶערְן רֶעדְן און שְׁפֶּעטְן פוּן דִי אֵייגֶענֶע עֶלְטֶערְן. מֶען קֶען זֵיי שֵׁיין מַסְבִּיר זַיין זֵיי זָאלְן רַחְמָנוּת הָאבְן אוֹיף זֵיידֶע בַּאבֶע וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער עֶס דַארְף זַיין מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ; אִיר אַלֵיינְס דַארְפְט אַרְבֶּעטְן אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן. דִי קִינְדֶער ווֵייסְן און שְׁפִּירְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוֹיבּ מֶען אִיז מַחְשִׁיב דִי עֶלְטֶערְן. דָאס אִיז פוּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאכְן בַּיי חִינוּךְ, חַס וְשָׁלוֹם וֶוען קִינְדֶער שְׁפִּירְן ווִי דִי עֶלְטֶערְן הַאלְטְן נִישְׁט חָשׁוּב זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, דַאן וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט מַחְשִׁיב זַיין זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

שִׁיקְט אַייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ אַייעֶר מַאמֶע, וֶועלְן אַייעֶרֶע אֵיינִיקְלֶעךְ קוּמֶען צוּ אַייךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דִי בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**זָאל אִיךְ שִׁיקְן מַיינֶע קִינְדֶער צוּ מַיין מַאמֶע אוֹיף סְעוּדוֹת?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין מַאמֶע ווִיל זֵייעֶר אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאל קוּמֶען צוּ אִיר עֶסְן אַ סְעוּדָה, זִי פְּרֶעגְט כְּסֵדֶר וֶוען זֵיי וֶועלְן קוּמֶען, אִיךְ ווֵייס אָבֶער נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, ווַייל דָארְט אִיז נִישְׁט קֵיין

גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּב, זִי אִיז אַ פְּרוֹי אַלֵיין, דֶעפְּרֶעסְט אוּן מִיט אֶה.סִי.דִי (OCD), דִי עֶסְן אִיז וַוייט פוּן פְּרִישׁ, אוּן אַזוֹי ווייטֶער.

אִיךְ מֵיין אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט פַאר דִי קִינְדֶער צוּ זַיין דָארְט. ווִי אַזוֹי דְרֵיי אִיךְ זִיךְ אַרוֹיס שֵׁיינֶערְהֵייט? אָדֶער אֶפְשָׁר הַאלְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז אִיךְ זָאל זֵיי יָא אַהִינְשִׁיקְן טְרָאץ דִי מַצָּב?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:): ״שְׁלֹשָׁה שֻׁתָּפִין הֵן בְּאָדָם, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אָבִיו וְאִמּוֹ״, דְרֵיי שׁוּתְּפִים זֶענֶען דָא בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט טַאטֶע אוּן מַאמֶע, ״בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד טַאטֶע מַאמֶע, ״אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא״, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, ״מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילוּ דַּרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי״, אִיךְ רֶעכְן עֶס כְּאִילוּ מֶען אִיז מִיר אַלֵיינְס מְכַבֵּד; אַזוֹי שְׁטַארְק חָשׁוּב אִיז דִי מִצְוָה.

שִׁיקְט אַייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ אַייעֶר מַאמֶע, זַייט מְחַיֶּ׳ אַייעֶר מַאמֶע; זִי אִיז עֶלְנְד, אֵיינֶער אַלֵיין, לָאזְט אִיר הָאבְּן אַבִּיסְל נַחַת. ווִילַאנְג עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סַכָּנָה פַאר זֵיי זָאלְט אִיר זֵיי שִׁיקְן, עֶס וֶועט נִישְׁט שָׁאטְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז זֵיי וֶועלְן עֶסְן אַלְטֶע עֶסְן, אַז אִיר וֶועט מְחַיֶּ׳ זַיין אַייעֶר מַאמֶע וֶועט אִיר זִיךְ אַיינְקוֹיפְן עוֹלָם הַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.]

...

## אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע בִּיזְנֶעס, פַּארְוָואס וַואקְסְן מַיינֶע חוֹבוֹת כְּסֵדֶר?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ בִּיזְנֶעס אוּן עֶס פַּארְדִינְט שֵׁיין בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אָבֶער מַיינֶע חוֹבוֹת הַאלְטְן אִין אֵיין וואקְסְן וַוייל אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶעהֶערִיג קָאנְטְרָאלִירְן וויאַזוֹי צוּ נוּצְן דִי גֶעלְט, וָואס צוּ בַּאצָאלְן פְּרִיעֶר אוּן וָואס שְׁפֶּעטֶער. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַסַאךְ מָאל זִיךְ מְסַדֵּר צוּ זַיין, אָבֶער עֶס הֶעלְפְט נָאר פַּאר אַ קְלֵיינֶע צַייט אוּן נָאכְדֶעם פַּאלְט אַלֶעס צוּרִיק.

ווִי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י״א שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פַּארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, יֶעדֶע בִּיזְנֶעס הָאט שְׁוֶועדֶע טֶעג; מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַּארְלִירְן, בְּלַייבּ שְׁטַארְק - וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

מֶען קֶען הָאבְּן הַצְלָחָה נָאר אוֹיבּ מֶען ווִיל מַצְלִיחַ זַיין, אַז מֶען הָאט אַ רָצוֹן קֶען מֶען זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין; אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם ווִילְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, ״רָצוֹן בְּרֶעכְט אַייזְן״; וָואס אַ מֶענְטְשׁ ווִיל מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען - סֵיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת.

מִיר זָאגְן דְרֵיי מָאל אַ טָאג בַּיים דַאוֶוענֶען (תְּהִלִּים קמה, טז): ״פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶפְנְט זַיינֶע הֶענְט אוּן גֶעבְּט פַּאר אַלֶעמֶען אַ רָצוֹן; לִכְאוֹרָה, ווִי קוּמְט דָא אַרַיין רָצוֹן? מִיר דַארְפְן דָאךְ עֶסְן, עֶס וָואלְט עֶנְדֶערְשׁ גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין: ״פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ, וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי ׳מָזוֹן׳״...? זָאגְט מוֹהֲרָא״שׁ, דֶערְפַאר שְׁטֵייט ״רָצוֹן״, וַוייל אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ רָצוֹן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן מִיט וָואס עֶר דַארְף; עֶר וֶועט הָאבְּן ׳מָזוֹן׳ אוּן אַלֶעס וָואס עֶר ווִיל, וַוייל אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי

ווילְן.

נֶעם דיר אַ בּוּכְהַאלְטֶער, עֶר זָאל מְסַדֵּר זַיין דִי גֶעלְט, וואו עֶס זָאל גֵיין; אַ בּוּכְהַאלְטֶער אִיז זֵייעֶר אַ וויכְטִיגֶע זַאךְ אִין אַ בִּיזְנֶעס, דֶער בּוּכְהַאלְטֶער זֶעט וִויפִיל גֶעלְט עֶס קוּמְט אַריין, וָואס דִי הוֹצָאוֹת זֶענֶען און וָואס זֶענֶען די הַכְנָסוֹת, וָואס אִיז וויכְטִיג און וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי ווִיכְטִיג; אַזוֹי וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

...

## אֵיינֶער הָאט גֶעגַנְבְ'עט מַיין טַאטֶע, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן אַן עֵצָה אִיבֶּער אַ גְרוֹיסֶע צָרָה. מַיין טַאטֶע הָאט אַ גֶעשֶׁעפְּט און אֵיינֶער פון די וַוייטֶע קְרוֹבִים פון די מִשְׁפָּחָה הָאט בַּאשְׁלָאסְן זִיךְ אַריינְצוּזֶעצְן דָארְט שֶׁלֹּא בְּיוֹשֶׁר, און עֶר נֶעמְט פַאר זִיךְ אַרוֹיס די גַאנְצֶע גֶעלְט. מַיין טַאטֶע און מַאמֶע עֶסְן זִיךְ אוֹיף דָאס גֶעזוּנְט, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען צו וֵוייךְ יֶענֶעם אַרוֹיסְצוּוַוארְפְן. אִיךְ זֶע ווי זֵיי גֵייעֶן מַמָּשׁ צוּגְרוּנְד דֶערְפוּן און אִיךְ ווִיל זֵיי הֶעלְפְן.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַפָּאר מָאל גֶעטְרַאכְט צו רוּפְן פָּאלִיצֵיי, אִיךְ בִּין אָבֶּער נִישְׁט זִיכֶער אַז אִיךְ טוּ וָואס אִיז רִיכְטִיג, אָבֶּער פון די אַנְדֶערֶע זַייט קֶען אִיךְ נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטִיל.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען אַ אִיד הָאט אַ סִכְסוּךְ מִיט אַ צְוֵוייטְן אִיד גֵייט מֶען צום בֵּית דִּין; גֵיי צום בֵּית דִּין, בֶּעט בַּיים בֵּית דִּין זֵיי זָאלְן שִׁיקְן אַן הַזְמָנָה לְדִין און וָואס בֵּית דִּין וֶועט פַּסְקְ'עֶנֶען - אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן.

אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן נִישְׁט קוּמֶען צום דִּין תּוֹרָה, וֶועט דיר בֵּית דִּין גֶעבְּן רְשׁוּת

**צוּ רוּפְן פָּאלִיצַיי.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

## וָואס טוּט מֶען וֶוען דֶער מַאן פַארְלַאנְגְט צוּפִיל זַאכְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין מַאן אִיז נִישְׁט קְלוּג, עֶר דְרוּקְט אוּן עֶר קְוֶועטְשְׁט, אוּן עֶר קֶען מִיר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין. עֶר קֶען אַמָאל דְרוּקְן אוֹיף אַ זַאךְ בִּיז'ן סוֹף, עֶר דַארְף אַז שַׁבָּת זָאל זַיין אוֹיפְ'ן טִישׁ דְרֵיי סָארְטְן פִישׁ, דְרֵיי סָארְטְן פְלֵייש, צֶען סָארְט סַאלַאטְן, מִיט פִינְף נָאכְשְׁפַּייז, נִישְׁט אַלְץ קֶען אִיךְ עֶס בַּאוַוייזְן.

אִיךְ אַרְבֶּעט נִישְׁט, פִילְט עֶר אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער קְלֵיינֶע קִינְדֶער. אוּן עֶר קֶען וֶוערְן אַזוֹי בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אוּן נִישְׁט רֶעדְן מִיט מִיר.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר אַבִּיסְל שְׁטַארְקְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, י״א שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**וִויסְן זָאלְט אִיר אַז דָאס לֶעבְּן אִיז וִוי אַ שְׁפִּיגֶעלֶע, וֶוען מֶען שְׁמֵייכְלְט - שְׁמֵייכְלֶען אַלֶע אוּן וֶוען מֶען אִיז בִּיטֶער - וֶוערְן אַלֶע בִּיטֶער, וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ, אַזוֹי אִיז דָאס לֶעבְּן. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט** (מִשְׁלֵי כז, יט) **: ״כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים״, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁפִּיגְלְט זִיךְ אָפּ אִין וַואסֶער אַ פָּנִים אַנְטְקֶעגְן אַ פָּנִים, ״כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם״, אַזוֹי אִיז דִי הַארְץ פוּן אֵיין מֶענְטְשׁ אַנְטְקֶעגְן דֶעם אַנְדֶערְן מֶענְטְשׁ; אוֹיבּ אֵיינֶעם׳ס הַארְץ אִיז גוּט צוּם צְוֵוייטְן, אִיז אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי יֶענֶעם אִין הַארְץ, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אוֹיבּ אִין הַארְץ אִיז דָא אַ פַיינְטְשַׁאפְט - אִיז בַּיי יֶענֶעם אוֹיךְ דָא אַ פַיינְטְשַׁאפְט.**

וֶוען עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ - שְׁטֶערְט נִישְׁט פַּאר די וַוייבּ צוּ מַאכְן דְרֵיי סָארְט פִּישׁ, צֶען דִיפְּס אוּן פִינְף סָארְט פְלֵייש, אוּן וֶוען עֶס פֶעלְט לִיבְּשַׁאפְט קֶען מֶען אֲפִילוּ נִישְׁט מַאכְן אֵיין סָארְט פִּישׁ אוּן אֵיין סַאלַאט, אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אוֹיבּ עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט.

וַוארְטְס נִישְׁט אַייעֶר מַאן זָאל רֶעדְן מִיט אַייךְ, נָאר אִיר זָאלְט שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן רֶעדְן מִיט אִים; אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְט אִיר נִישְׁט וַוארְטְן אַז אַייעֶר מַאן זָאל אַייךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן, אַז מֶען שְׁטֵייט אוּן מֶען וַוארְט אוֹיף כָּבוֹד וְכוּ' - קֶען די גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אַיינְפַאלְן; אֱמֶת טַאקֶע, דֶער מַאן דַארְף מְכַבֵּד זַיין די וַוייבּ, עֶר דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן, רֶעדְן שֵׁיין אוּן אִיבֶּערְבֶּעטְן וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה מה:): "נָתַן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּינָה יְתֵירָה בָּאִשָּׁה יוֹתֵר מִבָּאִישׁ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר אַ פְרוֹי מֶער חָכְמָה ווי פַארְ'ן מַאן; אַ פְרוֹי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע כֹּחוֹת צוּ פִירְן אַ שְׁטוּבּ, זִי קֶען מֶער דֶערְהֵייבְּן ווי אַ מַאן, מִיט אִיר בִּינָה יְתֵירָה פַארְשְׁטֵייט זִי 'אֲפִילוּ מַיין מַאן בְּלָאזְט, עֶר רֶעדְט נִישְׁט - וֶועל אִיךְ רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִים בִּיז עֶר וֶועט וֶוערְן וֵוייךְ'.

אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אוֹיבּ אִיר וֶועט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַייעֶר מַאן, אִיר וֶועט שְׁמֵייכְלֶען צוּ אִים אוּן אִיר וֶועט קוּקְן גוּט אוֹיף אִים - וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט, עֶר וֶועט אָנְהֵייבְּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַייךְ, עֶר וֶועט אַייךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְדְרוּקְן אוּן נִישְׁט קְוֶועטְשְׁן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ תּוֹרָה'דִיגֶע שְׁטוּבּ, אַז מַיין מַאן לָאזְט אָפּ כּוֹלֵל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין מַאן וויל אִינְגַאנְצְן אָפְּלָאזְן די כּוֹלֵל אוּן גֵיין אַרְבֶּעטְן, עֶר אִיז גָאר אַן עֶרְלִיכֶער

מִיט גָאלְדֶענֶע מִידוֹת, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה, אָבֶער עֶר קֶען נִישְׁט אַיינְזִיצְן צוּ אַסַאךְ צַייט, עֶר דַארְף עֶפֶּעס טוּן צוּ דִי זַאךְ.

עֶס טוּט מִיר מוֹרָא'דִיג וַויי; מַיין חָלוֹם אִיז גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ תּוֹרָה'דִיגֶע הוֹיז, אַ מַאן וָואס זִיצְט אוּן לֶערְנְט, אוּן יֶעצְט פִּיל אִיךְ ווִי מַיין חָלוֹם דֶערְוַוייטֶערְט זִיךְ מֶער אוּן מֶער, אֲפִילוּ עֶר הָאט פָּארְגֶעשְׁלָאגְן צוּ גֵיין בַּיינַאכְט אִין אַ כּוֹלֵל עֶרֶב, מֵיין אִיךְ אַז עֶס וֶועט זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן לַאנְג.

וָואס אִיז יֶעצְט מַיין תַּפְקִיד? זָאל אִיךְ שְׁטֵיין שְׁטַארְק מִיט מִיר, אָדֶער אִיז עֶס פָּשׁוּט נִישְׁט מַיין עֵסֶק אוּן אִיךְ זָאל אִים לָאזְן טוּן וָואס עֶר ווִיל? ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִים יָא גֶעבְּן דִי הַרְגָּשָׁה צוּ הָאבְּן אַ "חֲשִׁיבַת הַתּוֹרָה"?

עֶס וֶועט מִיר זֵייעֶר הֶעלְפְן צוּ בַּאקוּמֶען אַ תְּשׁוּבָה, צוּ ווִיסְן אַז אִיךְ אַרְבֶּעט נִישְׁט לוֹיט מַיין אֵייגֶענֶע מֵיינוּנְג, אוּן אוֹיבּ עֶס קֶען זַיין וָואס פְרִיעֶר, וַוייל עֶס אִיז אַן עִנְיָן פוּן טֶעג.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָאס וָואס אִיר ווִילְט אוּן אִיר חָלוֹמְ'ט, צוּ הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ פוּן תּוֹרָה - דָאס אִיז גֶעוָואנְדְן נָאר אִין אַייךְ; עֶס הָאט נִישְׁט מִיט אַייעֶר מַאן, מֶען קֶען זַיין אִין כּוֹלֵל אוּן נִישְׁט הָאבְּן אַ תּוֹרָה שְׁטוּבּ. אוּן פַארְקֶערְט, מֶען קֶען אַרְבֶּעטְן, בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה - אוּן הָאבְּן אַ תּוֹרָה שְׁטוּבּ, עֶס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן מִיטְ'ן זַיין אִין כּוֹלֵל.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.): "נָשִׁים בְּמַאי זָכְיָין", וָואס קֶענֶען פְרוֹיעֶן טוּן אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן? "בְּאַקְרוּיֵי בְּנַיְיהוּ לְבֵי כְּנִישְׁתָּא וְכוּ'", מִיט דֶעם וָואס זֵיי שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן וַוארְטְן זֵיי אָפּ וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים; זֵיי לֵייגְן אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער פוּן קְלֵיינֶערְהֵייט אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ לֶערְנֶען, מִיט דֶעם זֶענֶען זֵיי זוֹכֶה אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

וִויסְן זָאלְט אִיר אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי מַאמֶע; אַ פְרוֹי וָואס אִיר גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז תּוֹרָה, זִי רֶעדְט צוּ אִירֶע קִינְדֶער פוּן תּוֹרָה, זִי פְרֵיידְט זִיךְ וֶוען אִירֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען, זִי הֵייבְּט שְׁטֶענְדִיג אִירֶע קִינְדֶער מִיט זֵייעֶר תּוֹרָה, זִי שֶׁעצְט תּוֹרָה אוּן וִויל תּוֹרָה - וֶועלְן דִי קִינְדֶער זַיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

אַייעֶר תַּפְקִיד אִיז 'זַיין גֶעטְרֵיי פַאר אַייעֶר מַאן, שֶׁעצְן אוּן הֵייבְּן אַייעֶר מַאן וִוי אַזוֹי עֶר אִיז אוּן וִוי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ'; יָא כּוֹלֵל נִישְׁט כּוֹלֵל, אִיר דַארְפְט הֵייבְּן, שֶׁעצְן אוּן אַרוֹיפְקוּקְן אַייעֶר מַאן, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן פא): "מַאגִינֶעט סְגֻלָּה לְבָנִים", הַאלְטְן מִיט זִיךְ אַ מַאגְנֶעט אִיז מְסוּגָּל פַאר קִינְדֶער; מֶען קֶען זָאגְן נָאךְ אַ פְּשַׁט, אַז מַאן אוּן וַוייבּ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ שְׁטַארְקֶע נָאנְטְשַׁאפְט אַזוֹי וִוי אַ מַאגְנֶעט וָואס צִיט צוּ זִיךְ - דָאס אִיז מְסוּגָּל פַאר קִינְדֶער; קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף גֶעזוּנְט וֶוען דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִין זִיךְ מַאגְנֶעט. אוֹיבּ מֶען זוּכְט חֶסְרוֹנוֹת אֵיינֶער בַּיים צְוֵוייטְן, מֶען קְרִיגְט זִיךְ אוּן מֶען שֶׁעלְט זִיךְ - דֶעמָאלְט קֶען מֶען נִישְׁט מְגַדֵּל זַיין קַיין קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן צג): "אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ שֶׁהֵם מְקַלְּלִים אֶת עַצְמָם, אֵין מְגַדְּלִין אֶת בְּנֵיהֶם", מַאן אוּן וַוייבּ וָואס שֶׁעלְטְן זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן - וֶועלְן נִישְׁט אוֹיפְצִיעֶן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער.

אִיר זָאלְט וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין אַייעֶר מַאן אֲפִילוּ עֶר גֵייט אַרְבֶּעטְן וְכוּ'; אִיר מֶעגְט אִים זָאגְן וִוי שְׁטַארְק אִיר הָאט לִיבּ וֶוען עֶר לֶערְנְט, וִוי שְׁטַארְק אִיר הָאט לִיבּ אַז עֶר הָאט אַ שִׁיעוּר אִין תּוֹרָה אוּן אַז עֶר הָאט שַׁייכוּת מִיט אַן עֶרְלִיכְן אִיד וְכוּ', אָבֶער אִיר זָאלְט אִים וַוייטֶער שֶׁעצְן אֲפִילוּ עֶר גֵייט אַרְבֶּעטְן.

גוּטֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן תּוֹרָה'דִיגֶע קִינְדֶער אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען בַּאקוּמְט גְרִינְגֶערְהֵייט, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, בִּפְרַט וֶוען מֶען צִינְדְט דִי שַׁבָּת לִיכְט דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם.

דָא הָאט אִיר אַ תְּפִלָּה וָואס צוּ בֶּעטְן בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֶעבּ מִיר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה.

מַיין גַאנְצֶע שְׁטְרֶעבְּן אִיז אַז מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, זֵיי זָאלְן זַיין דָבוּק צוּ דִיר אוּן צוּ דִי צַדִּיקִים; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן נַחַת פוּן זֵיי; זֵיי זָאלְן אַלֶע חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְגֶערְהֵייט אוּן זֵיי זָאלְן אַלֶע הָאבְּן אַ שֵׁיין לֶעבְּן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט אִין מַיין לֶעבְּן - נָאר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; אִיךְ גֶעבּ אַלֶעס אַוֶועק אַבִּי מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, תַּלְמִידֵי חֲכָמִים. אִיךְ בֶּעט דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת אַלֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיין כָּבוֹד וֶועגְן, בִּפְרַט רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא אוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וואוּ אִיז דֶער מְקוֹר אַז פַאר בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ וֶועט זַיין אַ מַבּוּל פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין אֵיינֶע פוּן דִי תּוֹרוֹת פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְסַאטְמַאר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וואוּ עֶר בְּרֶענְגְט אַרָאפּ פוּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אַז פַאר בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ וֶועט אַרָאפְּקוּמֶען אַ מַבּוּל פוּן כְּפִירָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ זוּכְן דֶער מְקוֹר צוּ דֶעם, אִיךְ הָאבּ עֶס אָבֶּער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן. עֶס שְׁטֵייט טַאקֶע אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן ל"ה) אַז פַאר בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ וֶועט זַיין אַפִּיקוֹרְסוּת אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס שְׁטֵייט אָבֶּער נִישְׁט דָארְט אַז עֶס וֶועט זַיין דַוְקָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אֶפְשָׁר וֵוייסְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶער מְקוֹר צוּ דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה (מַאֲמַר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן קנ) פוּן סֵפֶר שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן לה): "שֶׁהוֹלֵךְ אֶפִּיקוֹרְסוּת גָּדוֹל עַל הָעוֹלָם", עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס עֶס וֶועט זַיין גְרוֹיסֶע אַפִּיקוֹרְסִים, "אַשְׁרֵי מִי שֶׁיַּחֲזִיק עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה בְּאֵלּוּ הָעִתִּים", ווארויל אִיז פַאר דִי וָואס וֶועלְן זַיין שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ מוֹעִיל כְּלָל מַה שֶּׁהוּא מְסַפֵּר זֹאת, שֶׁיִּהְיֶה אֶפִּיקוֹרְסוּת בָּעוֹלָם וְשֶׁצְּרִיכִין לְהִתְחַזֵּק עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה, כִּי אַף עַל פִּי שֶׁהוּא אוֹמֵר זֹאת אַף עַל פִּי כֵן מִתְגַּבֶּרֶת הָאֶפִּיקוֹרְסוּת וְהַבִּלְבּוּלִים", אִיךְ וֵוייס עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן אַז אִיךְ זָאג שׁוֹין דָאס אַלֶעס פָארְאוֹיס, "אַךְ אַף עַל פִּי כֵן אֲנִי מוֹדִיעַ זֹאת מִקֹּדֶם", דָאךְ זָאג אִיךְ יֶעצְט וָואס גֵייט זַיין, "בִּשְׁבִיל אוֹתָן מְעַט הַכְּשֵׁרִים שֶׁיְּחַזְּקוּ עַצְמָן בֶּאֱמוּנָתָן", פַאר דִי גֶעצֵיילְטֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן, "וּבְוַדַּאי יִהְיֶה לָהֶם מִלְחָמוֹת גְּדוֹלוֹת בְּדַעְתָּן", זֵיי וֶועלְן זִיךְ דַארְפְן אַסַאךְ שְׁלָאגְן מִיט דִי בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, "לְמַעַן יִהְיֶה לָהֶם לְמֵשִׁיב נֶפֶשׁ וְהִתְחַזְּקוּת וְהִתְאַמְּצוּת יוֹתֵר כְּשֶׁיִּרְאוּ שֶׁכְּבָר דִּבְּרוּ מִזֶּה מִקֹּדֶם", דָאס וֶועט זַיין פַאר זֵיי גְרוֹיסֶע חִיזוּק וֶוען זֵיי וֶועלְן זֶען אַז מֶען הָאט שׁוֹין פוּן פְרִיעֶר גֶעוְואוּסְט וָואס עֶס גֵייט זַיין.

אוֹיךְ בְּרֶענְגְט עֶר דֶעם שִׂיחָה (שָׁם, סִימָן רכ) וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "שֶׁיִּהְיֶה אֶפִּיקוֹרְסוּת גָּדוֹל בָּעוֹלָם", עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס עֶס וֶועט זַיין אִין דִי וֶועלְט אַפִּיקוֹרְסוּת, "כִּי מִלְמַעְלָה יָבוֹא אֶפִּיקוֹרְסוּת בָּעוֹלָם", פוּן הִימְל וֶועט מֶען בְּרֶענְגֶען אַפִּיקוֹרְסוּת, "בִּשְׁבִיל נִסָּיוֹן", כְּדֵי צוּ אוֹיסְפְּרוּבִּירְן וֶוער עֶס וֶועט זַיין שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה, עֶס וֶועט זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעקְרֶעכְצְט אוּן גֶעזָאגְט: "אוֹי, אֵיךְ יוּכְלוּ לַעֲמֹד אֲנָשִׁים מוּעָטִים נֶגֶד כָּל הָעוֹלָם", ווִי אַזוֹי וֶועלְן אַזוֹי וֵוייניג מֶענְטְשְׁן קֶענֶען שְׁטֵיין קֶעגְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט...

דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פִּירְט אוֹיס אִין וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה: "וְזֶה עִנְיָן שֶׁל רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ שֶׁרָאָה מָה הִגִּיעַ אֵלֵינוּ בְּעִיקְבָא דִמְשִׁיחָא", דָאס אִיז אַ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ פוּן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעזֶען וָואס וֶועט זַיין אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר.

וואוּיל זֶענֶען דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט דִי מִינִים וְאֶפִּיקוֹרְסִים, דִי עֵרֶב רַב; מֶען הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען גֵייט אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן וַוארְטְן צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט דוּרְךְ מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוער אִיז דֶער אֱמֶת'עֶר צַדִיק אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ צְוֵויי שְׁאֵלוֹת וָואס שְׁטֶערְן מִיר זֵייעֶר. וֶוער אִיז דֶער אֱמֶת'עֶר צַדִיק אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר? אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַ מַמְשִׁיךְ דֶרֶךְ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, י"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַריינְקוּקְן אִין צַוָואַת מוֹהֲרָא"שׁ, וֶועט דִיר פַארֶענְטְפֶערְט וֶוערְן דַיינֶע פְרַאגֶעס.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (צַוָואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת טו): מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיר דַארְפְט גוּט וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער עִיקָר אִיז צוּ הָאבְּן "אֱמוּנַת חֲכָמִים" צוּ גְלֵייבְּן אִין דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אַז וֶוען מֶען הָאט "אֱמוּנַת חֲכָמִים" דַאן וַוייסְט מֶען וָואס

מֶען דַארְף צוּ טוּן, מֶען וֵוייסְט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְקְן אִין "אֱמוּנַת חֲכָמִים" צוּ גְלֵייבְּן אַלֶעס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז, אוּן מְקַיֵּים זַיין אִין פָאלְגְן אַלֶעס וָואס עֶר הֵייסְט. דָאס אִיז דֶער שְׁלֵימוּת פוּן "אֱמוּנַת חֲכָמִים" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קכ"ג).

וֶוען אִיר וֶועט הָאבְּן אֱמֶת'דִיג "אֱמוּנַת חֲכָמִים", אִיר וֶועט גְלֵייבְּן אוּן רֶבִּי'ן אוּן פָאלְגְן זַיינֶע וֶוערְטֶער, דַאן וֶועט אִיר זִיךְ קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן אִין יֶעדְן מַצָּב, אִיר וֶועט שְׁטֶענְדִיג ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

גֶעדֶענְקְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אוּנְזֶער רֶבִּי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ זַייעֶר הִיטְן פוּן פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים וָואס אֲפִילוּ זִיךְ אַלֵיין קֶענֶען זֵיי נִישְׁט פִירְן, אוּן זִיכֶער קֶענֶען זֵיי נִישְׁט פִירְן אַנְדֶערֶע. סְפֶּעצִיעֶל אִינֶעם לֶעצְטְן דוֹר, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז עֶס וֶועט דַאן זַיין זַייעֶר אַסַאךְ פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים, אַזוֹי סַאךְ ווִי דִי בְּלֶעטֶער פוּן בּוֹים, דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ זַייעֶר הִיטְן נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁייְכוּת מִיט קַיין שׁוּם פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים, אֲפִילוּ מִיט דִי פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אוֹיךְ בַּיי אוּנְז צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען ווִיסְן אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג? דֶער סִימָן דֶערְצוּ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק דַאן פַאלְט אוֹיף אִים אַרוֹיף אַ שִׁפְלוּת, עֶר פִּילְט אַז עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ נִישְׁט גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן. אוֹיבּ אָבֶּער וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען בַּאקוּמְט דָארְט אַ גַאֲוָה אוּן מֶען הַאלְט זִיךְ גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן, אַז נָאר עֶר וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם אֱמֶת, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז בַּיי אַ פַאלְשְׁן מַנְהִיג אוּן מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט. פוּן אַן אֱמֶת'ן צַדִּיק בַּאקוּמְט מֶען שִׁפְלוּת.

נָאךְ אַ סִימָן אִיז דָא אַז אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק אִיז מְעוֹרֵר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג וֶועט רֶעדְן פוּן אַלֶעס אוֹיסֶער פוּן תּוֹרָה. דֶערִיבֶּער וֶוען אִיר גֵייט צוּ אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִיר זֶעט אַז דוּרְךְ יֶענֶעם בַּאקוּמְט אִיר אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיז אַ סִימָן

אַז אִיר זֶענְט בַּיי אַן אֱמֶתְ׳ן צַדִיק.

אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר אִיז דֶער רֶבִּי אַלֵיין דֶער אֱמֶת׳ֶער צַדִיק. עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן אַלֶע תִּקוּנִים אוּן פַארֶעכְטְן דִי וֶועלְט, אוּן דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ הַאלְטְן בַּיים רֶבִּי׳ן, אִיר זָאלְט פָארְן יֶעדֶעס יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן אוּן זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אִיר זָאלְט זֶען צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחְלוֹקֶת, אוּן זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין קַיין שׁוּם פָּאלִיטִיק. דֶער רֶבִּי אִיז דֶער אָרוֹן וָואס דָארְט לִיגְט דִי לוּחוֹת, אוּן בַּיי דִי אָרוֹן הָאט דֶער אָרוֹן אַלֵיין גֶעטְרָאגְן דִי מֶענְטְשְׁן וָועלְכֶע הָאבְּן אִיר גֶעטְרָאגְן, קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי טוּט אַלֶעס אַלֵיין.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר גֵיין צוּם רֶבִּי׳נְס צִיוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים, אָבֶּער אִיר זָאלְט נִישְׁט פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין דָארְט אַ פִירֶער, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין קַיין שׁוּם פַּארְטֵייעֶן, אִין קַיין שׁוּם גְרוּפֶּעס, נָאר אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן מִיטְן רֶבִּי׳נְס סְפָרִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קצ״ב) אַז דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק לִיגְט אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, מְמֵילָא וֶוען מֶען וִויל זַיין אֱמֶת׳דִיג מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן אִיז דָאס נָאר וֶוען מֶען לֶערְנְט זַיינֶע סְפָרִים, אוּן דַאן וֶועט אִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין; עַד כַּאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס מֵיינְט: "אוֹיבּ אֵיינֶער דַארְף מִיר נִישְׁט, דַארְף אִיךְ יֶענֶעם טוֹיזְנְט מָאל נִישְׁט?"

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַפָּאר מָאל בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז 'אוֹיבּ אֵיינֶער דַארְף מִיר נִישְׁט, דַארְף אִיךְ יֶענֶעם טוֹיזְנְט מָאל נִישְׁט'; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס דָאס מֵיינְט, אוֹיבּ דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען דָאס מֶער מַסְבִּיר זַיין.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ כְּלַל אִין לֶעבְּן: ״מִי שֶׁלֹּא צָרִיךְ אוֹתִי, אֲנִי לֹא צָרִיךְ אוֹתוֹ אֶלֶף פְּעָמִים״, וֶוער עֶס דַארְף מִיר נִישְׁט, דַארְף אִיךְ אִים נִישְׁט טוֹיזְנְט מָאל.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן נִישְׁט חַנְפְ׳עֶנֶען קֵיינֶעם, מִיר זָאלְן נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן קֵיינֶעם; מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז אוּנְזֶער יְשׁוּעָה לִיגְט בַּיי יֶענֶעם. קוּק אַרַיין דִי אֱמֶתְ׳עֶ וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָואָה פַאר אוּנְז (צַוָואַת מוֹהֲרָא״שׁ, אוֹת ט):

״אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין קָאפּ אַז אִיר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט. קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן אוּן זִיכֶער קֶען קֵיינֶער אַייךְ נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט חַנְפְ׳עֶנֶען צוּ קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, וַוייל דָאס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן.

פַארְקֶערְט, דָאס וֶועט אַייךְ נָאר שָׁאטְן צוּם גֶעזוּנְט, וַוייל וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶערְנָאךְ זֶעט מֶען אַז יֶענֶער הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, יֶענֶער אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר צוּ הֶעלְפְן, דַאן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט פוּן דֶעם. אַ אִיד וָואס גְלֵייבְּט אָבֶּער אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן נָאר אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן אִיז עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ״.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס וֵוייסְט מִיט אַ קְלָארְקֵייט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אִים הֶעלְפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֶעבְּן אַ קוּשׁ פַּאר אַ קִינְד?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַסַאךְ מָאל בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן אוּן נִישְׁט קוּשְׁן דִי קִינְדֶער. וָואס מֵיינְט דָאס? אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֶעבְּן אַ קוּשׁ פַּאר אַ קִינְד?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נִישְׁט אִיךְ זָאג דָאס, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאס; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן נט): ״מְסֻגָּל יוֹתֵר לַבָּנִים לִהְיוֹת רָחוֹק מֵהֶם״, עֶס אִיז בֶּעסֶער פַּאר דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ זַיין מִיט זֵיי, ״לִבְלִי לִהְיוֹת דָּבוּק בָּהֶם״, נִישְׁט זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ זֵיי צוּ שְׁטַארְק, ״לְשַׁעֲשֵׁעַ בָּהֶם בְּכָל פַּעַם״, זִיךְ הַאלְטְן אִין אֵיין שְׁפִּילְן מִיט זֵיי, ״רַק לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם כְּלָל״, נָאר מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער אוֹיפְוַואקְסְן, מֶען לוֹיפְט זֵיי נִישְׁט נָאךְ.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״אַ קִינְד קֻשֶׁט מֶען נִישְׁט אוּן אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען נִישְׁט״; דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן מֶען זָאל נִישְׁט גֶעבְּן אַ קוּשׁ פַּארְ׳ן קִינְד, מֶען מֵיינְט צוּ זָאגְן מֶען זָאל נִישְׁט זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי קִינְדֶער. וַוייל ווִי מֶער מֶען אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם קִינְד אוּן מֶען צֶערְטְלְט אִים, מֶען קִישְׁט אִים אוּן מֶען הַאלְדְזְט אִים, נָאכְדֶעם וֶוען דֶער קִינְד אִיז לֶעבֶּעדִיג אוּן שְׁפְּרִינְגֶעדִיג וְכוּ׳ וְכוּ׳, שְׁלָאגְט מֶען אִים.

קִינְדֶער דַארְפְן ווִיסְן אַז טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען נִישְׁט זֵייעֶר חַבֵר, זֵיי דַארְפְן קוּקְן אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן מִיט כָּבוֹד אוּן עֶרֶע, וָואס גֶעוֶוענְלִיךְ דִי עֶלְטֶערְן וָואס שְׁפִּילְן זִיךְ טָאג אוּן נַאכְט מִיט דִי קִינְדֶער - זֵיי וַואקְסְן אוֹיף מְחוּצָפִּים, זֵיי

פָאלְגְן נִישְׁט דִי עֶלְטֶערְן; זֵיי שְׁפִּירְן זִיךְ צוּ שְׁטַארְקֶע הֵיימִישׁ, אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין וָוארְט.

עֶלְטֶערְן טָארְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ זָאגְן פַּאר דִי קִינְדֶער וָואס צוּ טוּן, מֶען וֶוערְט נִישְׁט אַ גוּטֶע טַאטֶע, אַ גוּטֶע מַאמֶע - וֶוען מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער טוּן וָואס זֵיי ווִילְן; אָךְ אוּן וֵויי פַּאר קִינְדֶער וָואס דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵיי נִישְׁט מְחַנֵךְ, זֵיי וֶועלְן אַלֶע אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה. גוּטֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער, זֵיי גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ אוּן גוּט.

מִיט אַלֶע עֵצוֹת אוּן אַלֶע חָכְמוֹת - דַארְף מֶען הָאבְּן תְּפִלָּה; אָן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט מֶען נִישְׁט קַיין הַצְלָחָה. מֶען דַארְף אַסַאךְ דַאוֶונֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, בָּנִים וּבְנֵי בָּנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבַמִּצְוֹת.

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער חָפֵץ חַיִים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד, זָאגְנְדִיג: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער; אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## אַ סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה און אַ תִּיקוּן שׁוֹבָבִי"ם

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בֹּא, ו' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ וֶועסְט עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה וֶועסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מָמוֹן, סִימָן מג): "מִי שֶׁמְּיַגֵּעַ אֶת עַצְמוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה אַחַר פַּרְנָסָה", וֶוער עֶס פְּלָאגְט זִיךְ טָאג און נַאכְט צוּ טְרֶעפְן פַּרְנָסָה, "וְאֵינוֹ מוֹצֵא אֶת פַּרְנָסָתוֹ", און עֶר טְרֶעפְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, "תַּקָּנָתוֹ שֶׁיַּחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", זָאל עֶר צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר הָאבְּן פַּרְנָסָה.

הַיינְט אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ וֶועגְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין הֲפָצָה; פַארְבִּינְד זִיךְ מִיטְ'ן קֶרֶן הַדְּפָסָה, הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, אָדֶער הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר און ... נֵרוֹ יָאִיר; נֶעם אַ חֵלֶק אִין דִי מִצְוָה - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה.

יֶעצְט אִין דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶועז, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל אַ תִּיקוּן אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית, זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און צוּ דִי תּוֹרָה; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶועז, וִוי אַז עֶר זָאל עוֹסֵק זַיין אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען

מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בַּאנֶעמְט זִיךְ מִיט יֶעדֶעס קִינְד ווִי אַן אֵיינְצִיג קִינְד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת בֹּא, ו׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, טִיטְשֶׁער בֵּית פֵיגָא ווִילְיַאמְסְבּוּרְג**

אִיךְ בִּין אַייךְ זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַארְ׳ן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד אַזוֹי גֶעטְרֵיי.

אִיר זֶענְט זֵייעֶר גֶעטְרֵיי צוּ דִי תַּלְמִידוֹת, אִיר גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג אוֹיף זֵיי, אִיר בַּאנֶעמְט זִיךְ מִיט יֶעדֶעס קִינְד ווִי אַן אֵיינְצִיג קִינְד.

אוֹיךְ דַאנְק אִיךְ אַייךְ פַארְ׳ן הֶעלְפְן מִיט דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה, בַּיי דִי פְּרוֹיעֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים וּבְנֵי בָּנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבַמִּצְוֹות.

...

## שָׁלוֹם בַּיִת מִיט דִי רִיכְטִיגֶע אַנִיאָגְרַאם נוּמֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת בֹּא, ו׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיר זֶענְט נִישְׁט אַ 7 אוּן אַייעֶר מַאן אִיז נִישְׁט אַ 4; דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט ווִיכְטִיג. אַ שָׁאד צוּ רֶעדְן פוּן נוּמֶערְן אִין דִי צַייט וָואס מֶען קֶען גֶעבְּן שֶׁענֶערֶע נֶעמֶען ווִי נוּמֶערְן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אִין יְשִׁיבָה רוּף אִיךְ דִי בָּחוּרִים מִיט נֶעמֶען, מֹשֶׁה אִיז טַייעֶר, יַעֲקֹב אִיז הַארְצִיג, בֶּערְל אִיז בַּא׳טַעֲמְ׳ט אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

וֶוערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי נוּמֶערְן, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָכְמָה דָאס צוּ קֶענֶען.

אֵיידֶער אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא"ש הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעדְרֵיידְט בַּיי אַ גֶעוִויסֶער חָכָם - חַכְמֵי חֶעלֶעם, דִי גַאנְצֶע שְׁפְּרַאךְ דָארְט אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי נוּמֶערְן, דֶער אִיז אַ 4, יֶענֶער אִיז אַ 7; וֶוען אֵיינֶער אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט מֶען זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעלַאכְט מִיט דִי נוּמֶערְן, בִּיז אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָּשׁוּט פַארְעֶקֶלְט פוּן זֵיי אוּן אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ פְּלַאץ וואוּ יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען נוּצְן דִי עֵצוֹת אוּן הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק אִיז אַרוּיפְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ אִיד אִינְגַאנְצְן דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת; אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אִים אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט וואוּ עֶר דְרֵיידְט זִיךְ... בְּקִיצוּר זַיין רֶבִּי רֶעדְט אוֹיךְ מִיט דִי פַאנְטַאזִיעֶס, נוּמֶערְן; זַיין רֶבִּי זָאגְט אִים אַז עֶר אִיז אַן 1 אוּן זַיין וַוייבּ אִיז אַ 2, וָואס דָאס קֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם; עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעוָואלְט גֶעטְ'ן צוּלִיבּ דִי נוּמֶערְן.

אִיךְ הָאבּ אִים גֶעגֶעבְּן אַפָּאר קוּנְטְרֵסִים אוּן סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"ש, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁוֶוענְקֶען זַיין קָאפּ פוּן דִי זַאכְן; אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן פוּן נוּמֶערְן זָאל עֶר טְרַאכְטְן 'אִיךְ בִּין גוּט אוּן מַיין וַוייבּ אִיז נָאךְ בֶּעסֶער'. הַיינְט לֶעבְּן זֵיי אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, וִוי צְוֵויי טוֹיבֶּעלֶעךְ.

אִיךְ קֶען אַייךְ אוֹיסְלֶערְנֶען דִי חָכְמָה פוּן דִי נוּמֶערְן:

1 - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

2 - אִיז דִי לוּחוֹת

3 - זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת, אַבְרָהָם, יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב

4 - זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע אִמָּהוֹת, שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל אוּן לֵאָה

5 - זֶענֶען דִי חֻמָּשִׁים, בְּרֵאשִׁית, שְׁמוֹת, וַיִּקְרָא, בַּמִּדְבָּר אוּן דְבָרִים

6 - אִיז מִשְׁנַיוֹת, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; סֵדֶר זְרָעִים, סֵדֶר מוֹעֵד, סֵדֶר נָשִׁים, סֵדֶר נְזִיקִין, סֵדֶר קָדָשִׁים אוּן סֵדֶר טָהֳרוֹת

7 - אִיז שַׁבָּת, דִי זִיבֶּעטֶע טָאג פוּן דִי וָואךְ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

קוּמְט אוֹיס אַז אַייעֶר מַאן, וָואס לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; וֶוען עֶר

לֶערְנְט מִשְׁנַיּוֹת אִיז עֶר אַ 6, וֶוען עֶר לֶערְנְט חוּמָשׁ אִיז עֶר אַ 5, וֶוען עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אִיז עֶר אַן 1, אוּן שַׁבָּת זֶענֶען מִיר אַלֶע 7.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, וֶועט אִיר הָאבְּן נָאךְ נִיסִים.

...

## מִיטְ'ן הֶעלְפְן צָאלְן דִי רֶענְט פַאר דִי יְשִׁיבָה הָאט מֶען אַ חֵלֶק אִין אַלֶע הֵיילִיגֶע צְדָקוֹת אוּן פְּעוּלוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרְשַׁת בֹּא, ז' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ דַיין מַעֲשֵׂר פַאר דִי גַבָּאִים וָואס אַרְבֶּעטְן פַאר מִיר - הָאַבְרֵךְ ... אוּן הָאַבְרֵךְ ... נֵרָם יָאִיר; אַז דוּ גֶעבְּסְט זַיי צְדָקָה אִיז שׁוֹין נִכְלָל אִין דֶעם אַלֶע צְדָקוֹת. אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי יְשִׁיבָה, תַּלְמוּד תּוֹרָה, מֵיידְל סְקוּל, הַדְפָּסָה, כּוֹלֵל אוּן נָאךְ צֶענְדְלִיגֶער זַאכְן וָואס מֶען קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיסְרֶעכֶענֶען, וָואס עֶס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פְּלַאץ; וִויפִיל אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער וֶוערְן אוֹיפְגֶערַאכְטְן, וִויפִיל קִינְדֶער הֵייבְּן אָן לֶעבְּן פוּן דִי פְּלַאץ.

הַיינְט אִיז דָאס שׁוֹין אוֹיךְ הַכְנָסַת כַּלָה; נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען דִי נַיינְצְנְסְטֶע חֲתוּנָה, הַבָּחוּר הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט, יֶעצְט קוּמְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף דִי חֲתוּנָה פוּן מַיין זוּן הָרַב אֶלְחָנָן חַיִּים שְׁלִיטָ"א, דִי צְוָואנְצִיגְסְטֶע חֲתוּנָה.

מַאךְ אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל גֶעלְט מִיר הָאבְּן גֶעשְׁפָּארְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּיים חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, וִויפִיל בַּר מִצְוָה'ס וְכוּ' וְכוּ', אַלֶעס בְּחִינָם; אַז דוּ וֶועסְט גֶעבְּן דַיין מַעֲשֵׂר פַאר דִי גַבָּאִים וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

אִיךְ וִויל דִיר מוֹדִיעַ זַיין אַז עֶס טוּט זִיךְ יֶעצְט שִׂמְחוֹת אִין יְשִׁיבָה, אֵיין שִׁידּוּךְ נָאכְן צְוֵייטְן; נֶעכְטְן אִיז הַבָּחוּר ... אַ חָתָן גֶעוָוארְן, דִי כַּלָה אִיז אַ

תַּלְמִידָה פון די טֶעלֶעפָאן, זי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אִירֶע עֶלְטֶערְן אַז זי ווִיל אַ חָתָן אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; מַמָּשׁ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס מֵיידְלֶעךְ וֶועלְן נָאר וֶועלְן בָּחוּרִים פון דִי יְשִׁיבָה"; וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס גֶעזָאגְט אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ חָלוֹם, הַיינְט זֶעט מֶען דָאס מַמָּשׁ בְּחוּשׁ, זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת ווִילְן נֶעמֶען אֵיידֶעמֶער תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וָואס זֶענֶען אָנְגֶעגְרֵייט צוּם לֶעבְּן, אֵיידֶעמֶער וָואס וֶועלְן זִיךְ פִירְן מִיט דִי וֶועג פון רֶבִּי'ן.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת פַּרְשַׁת יִתְרוֹ וֶועט זַיין מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה לְטוֹבַת דִי רֶענְט קָאמְפֵּיין; אִיךְ ווִיל דִיר זֶען, לֵייג אַוֶועק דֶעם מוֹצָאֵי שַׁבָּת צוּ קוּמֶען מִיטְהַאלְטְן.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, מוֹצָאֵי שַׁבָּת פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח וֶועט זַיין אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה לְכָבוֹד דִי זֶעקְסְטֶע יָארְצַייט פון מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פַאר מֶענֶער, פְרוֹיעֶן און קִינְדֶער; אַלֶע זֶענֶען גֶעלַאדְנְט. מִיר וֶועלְן זִיךְ טֵיילְן מִיט דִי יְרוּשָּׁה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## צְדָקָה פַאר דִי 'בָּנֵינוּ' פּוּשְׁקֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בֹּא, ז' שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁתִּחְיוּ**

בֶּעפָארְן לֶעכְט צִינְדְן, וֶוען אִיר גֶעבְּט צְדָקָה, זָאלְט אִיר אִינְזִין הָאבְּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער; מִיר זָאלְן קֶענֶען צָאלְן דִי מְלַמְּדִים און טִיטְשֶׁערְס, זֵיי זָאלְן הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַּעַת, זִיצְן רוּאִיג מִיט דִי קִינְדֶער, לֶערְנֶען מִיט זֵיי און אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם און מִידּוֹת טוֹבוֹת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט:): "פְּרוּטָה וּפְרוּטָה מִצְטָרֶפֶת לְחֶשְׁבּוֹן גָּדוֹל", אֵיין פְּרוּטָה און נָאךְ אַ פְּרוּטָה נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען אוֹיף אַ גְרוֹיסֶע חֶשְׁבּוֹן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נט, יז): "וַיִּלְבַּשׁ צְדָקָה כַּשִּׁרְיָן", צְדָקָה

אִיז אַזוֹי וְוי אַ פַּאנְצֶער, אַ פַּאנְצֶער אִיז צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן אַסַאךְ שְׁטִיקְלֶעךְ אַייזְן, דָאס מַאכְט אַז דִי פַּייל זָאל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ; דִי אַלֶע פְּרוּטוֹת נֶעמֶען זִיךְ צַאם אוּן וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער פַּאנְצֶער צוּ בַּאשִׁיצְן דֶעם מֶענְטְשׁ.

נֶעמְט אַהֵיים אַ פוּשְׁקֶע פוּנֶעם גַבְּאַי, הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר; עֶר הֶעלְפְּט מִיר צָאלְן דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס פוּן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, מָאנְרָא אוּן פוּן קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי; עֶר הָאט עֶס גֶעגֶעבְּן אַ נָאמֶען "בָּנֵינוּ" - אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

מִיר וֶועלְן אַלֶעס טוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען דִי בֶּעסְטֶע חִינוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס קֶען מֶען טוּן צוּ בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ז׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב**

וָואס קֶען מֶען טוּן צוּ בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע? שׁוֹין לַאנְגֶע וָואכְן וָואס מֶען צָאלְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר מְלַמְּדִים.

אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס גֵייט פָּאר.

...

## נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אַ פָּאוֹן אִין שְׁטוּב, אֲפִילוּ מִיט אַלֶע אֲפִילוּ׳ס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ח׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס דוּ ווִילְסְט מִיר נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן! אִיךְ

וֵוייס נִישְׁט וָואס גֵייט פָּאר; אַלֶעס נֶעמְסְטוּ אָן – בִּיז דֶער זַאךְ. דוּ זֶעסְט דָאךְ ווִי שֵׁיין דוּ בִּיסְט גֶעוָוארְן פוּן וֶוען דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דֶעם רֶבִּי'ן, פַארְוָואס בַּיי דֶעם בִּיסְטוּ אַזוֹי פַאר'עַקְשְׁנְ'ט?! ווִיפִיל אִיךְ בֶּעט דִיר, וְוִיפִיל אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר – קֶען אִיךְ נִישְׁט פּוֹעֵלְ'ן?!

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נָאכְאַמָאל, אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ יָא קֶענֶען פּוֹעֵלְ'ן; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען קַיין טֶעלֶעפָאן אִין שְׁטוּבּ, אֲפִילוּ עֶס הָאט נִישְׁט קַיין סֶערְווִיס, אֲפִילוּ עֶס אִיז גֶעבְּלַאקְט, אֲפִילוּ מִיט אַלֶע אֲפִילוּ'ס.

מֶעגְסְט מִיר אוֹיסְהֶערְן, אִיךְ וֵוייס וָואס אִיךְ רֶעד; אִיךְ הָאבּ קִינְדֶער – אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, זֵיי קוּקְן זַאכְן אִין שְׁטוּבּ בִּשְׁעַת דִי עֶלְטֶערְן שְׁלָאפְן. זֵיי קֶענֶען עֶפֶענֶען אַלֶע פִילְטֶערְס, זֵיי קֶענֶען זִיךְ מְחַבֵּר זַיין מִיט אַ טוֹיטֶע טֶעלֶעפָאן אוּן יֶעצְט מוּטְשֶׁען זֵיי זִיךְ בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ.

ווַאוֹיל אִיז דֶער וָואס הֶערְט אוֹיס וָואס עֶרְלִיכֶע אִידְן זָאגְן, ווַאוֹיל אִיז דֶער וָואס גֵייט בִּתְמִימוּת – דֶער וֶועט נִישְׁט פַאלְן. "הוֹלֵךְ בַּתֹּם יֵלֶךְ בֶּטַח (מִשְׁלֵי י, ט)", דֶער וָואס גֵייט בִּתְמִימוּת; אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט בֶּעסֶער, עֶר פַארְשְׁטֵייט אַנְדֶערְשׁ – דֶער וֶועט נִישְׁט פַאלְן, דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט זִיכֶערֶע טְרִיט אִין לֶעבְּן.

"בְּנִי, לְחָכְמָתִי הַקְשִׁיבָה, לִתְבוּנָתִי, הַט אָזְנֶךָ", מַיין זוּן, הֶער אוֹיס מַיינֶע וֶוערְטֶער; "לִשְׁמֹר מְזִמּוֹת", הִיט אָפּ דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, "וְדַעַת שְׂפָתֶיךָ יִנְצֹרוּ", דַיינֶע לִיפְּן זָאלְן נָאר רֶעדְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "כִּי נֹפֶת תִּטֹּפְנָה, שִׂפְתֵי זָרָה", דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן זֶענֶען זֵייעֶר צִיעֶנְדִיג, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר זִיס, "וְחָלָק מִשֶּׁמֶן חִכָּהּ", עֶס אִיז אַזוֹי זִיס ווִי זִיסֶע זַאכְן, "וְאַחֲרִיתָהּ מָרָה כַלַּעֲנָה", אָבֶּער דֶער סוֹף אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, עֶס אִיז אַזוֹי בִּיטֶער ווִי בִּיטֶערֶע גְרָאז, "חַדָּה, כְּחֶרֶב פִּיּוֹת", עֶס בְּרֶענְגְט צוּ טוֹיט אַזוֹי ווִי אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד, "רַגְלֶיהָ, יֹרְדוֹת מָוֶת", זֵיי צִיעֶן צוּם טוֹיט, "שְׁאוֹל, צְעָדֶיהָ יִתְמֹכוּ", בִּיזְ'ן אָפְּגְרוּנְד; דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען וֶוערְטֶער וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ה, א-ה); שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ בֶּעט, הֶער אוֹיס דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן.

...

## פְּרֶעג דַיין קִינְד יֶעדְן טָאג אוֹיבּ זִי פִירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין שׁוּלֶע

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ו׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיבּ דוּ פְּרֶעגְסְט דַיין טָאכְטֶער יֶעדְן טָאג אוֹיבּ זִי אִיז דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג?

אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר מִיט דַיין טָאכְטֶער; זִי עֶסְט אוֹיף דִי קִישְׁקֶעס פוּן אִיר טִיטְשֶׁער, אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר מִיט אִיר. אַז דוּ וֶועסְט אִיר פְּרֶעגְן יֶעדְן טָאג וֶוען זִי קוּמְט אַהֵיים אוּן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען זִי גֵייט: ״דוּ בִּיסְט דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג? דוּ בִּיסְט וואוֹיל? אִיךְ קֶען פְּרֶעגְן דַיין טִיטְשֶׁער אוֹיבּ דוּ בִּיסְט דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג?״ וֶועט זִי צוּבִּיסְלִיךְ אָנְהֵייבְּן כַאפְּן וָואס אִיז חָשׁוּב בַּיי דִיר אוּן זִי וֶועט זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן.

אִיךְ טוּ דָאס יֶעדְן טָאג מִיט מַיינֶע קִינְדֶער.

...

## יֶעצְט בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז דִיר נוֹגֵעַ פַאר יֶעצְט

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ו׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֵיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן גָארְנִישְׁט, דוּ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַאר דִיר אִין דַיין יֶעצְטִיגְן מַצָּב.

אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן נֶעמֶען אַבִּיסְל חִיזוּק; בִּכְלַל דַארְף מֶען וויסְן אַז אַלֶע דִיבּוּרִים וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶערֶעדְט אִיז גֶעוֶוען בְּעִיקָר פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָאס הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר אַלֶע זַיינֶע תַּלְמִידִים, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר צוּ

דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִים צוּ דַאנְקֶען, אוּן וֶוען מֶען דַארְף עֶפֶּעס זָאל מֶען נָאר צוּ אִים מִתְפַּלֵל זַיין.

דֶער אִיד הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר מַאכְט יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעלֶערְנְט, פְרֶעגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "וָואס בֶּעטְסְטוּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?" הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בֶּעט זוֹכֶה צַוּ זַיין צוּ מַדְרֵיגוֹת וְכוּ'", פְרֶעגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "זָאג מִיר, פַּרְנָסָה הָאסְטוּ?" עֶנְטְפֶערְט דֶער אִיד: "נֵיין", זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "הֶער מִיךְ צוּ, דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, וַוייל דָאס אִיז דַיין אֱמֶת"; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט צוּ אַלֶע תְּפִילוֹת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קמה, יח): "קָרוֹב ה' לְכָל קֹרְאָיו", אָבֶּער נָאךְ מֶער נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן דִי תְּפִילוֹת וָואס אִיז מִיט אַן אֱמֶת - "לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת".

וֶוען דוּ וֶועסְט עֶלְטֶער וֶוערְן וֶועסְטוּ בֶּעטְן אוֹיף חֲתוּנָה הָאבְּן, יֶעצְט בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז דִיר נוֹגֵעַ פַאר יֶעצְט; בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיפְ'ן יֵצֶר הָרָע. אַ מֶענְטְשׁ דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶס לִיגְט אִים אוֹיפְ'ן הַארְצְן, וַוייל דִי תְּפִילוֹת וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן הַארְץ - דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קוּם מִיטְהַאלְטְן דִי חָתָן שִׁיעוּרִים

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בֹּא, ז' שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער חָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר לֶערְנֶען מִיט דִיר חָתָן שִׁיעוּרִים, קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ הֵייבְּן מִיר אָן אַ שִׁיעוּר פַאר חֲתָנִים יֶעדֶע נַאכְט; אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת.

אִיךְ בִּין גְרֵייט בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם דִיר וַוייטֶער מַדְרִיךְ זַיין פַארְ'ן לֶעבְּן.

...

## פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם גִּלְיוֹן אִין עֶנְגְלִישׁ אִין דַיין גֶעגְנְט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בֹּא, ז' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס וֵוייסְטוּ פַארְוָואס דוּ וואוֹינְסְט אִין לֶעיקְוָואד? אֶפְשָׁר הָאסְטוּ אַ שְׁלִיחוּת אוֹיסְצוּפִירְן דָארְט, אַיינְזֵייעֶן אִין לֶעיקְוָואד דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

עֶס אִיז דָא אַ נֵייעֶר גִּלְיוֹן וָואס דוּ דַארְפְסְט דָארְט פַארְשְׁפְּרֵייטְן וֶועכְנְטְלִיךְ; דֶער גִּלְיוֹן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קוּמְט אַרוֹיס אִין עֶנְגְלִישׁ, דָאס דַארְפְסְטוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן אִין אַלֶע פְלֶעצֶער.

עֶס קוּמֶען אַרוֹיס צֶענְדְלִיגֶער גִּלְיוֹנוֹת וֶועכְנְטְלִיךְ, הֶערְלִיכֶע תּוֹרוֹת, הֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת, הֶערְלִיכֶע בְּחִינוֹת מִיט עִנְיָנִים וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער דִי הֲמוֹן עָם דַארְף פָּשׁוּטְ'עֶ וֶוערְטֶער, פָּשׁוּטְ'עֶ בְּרוֹיט מִיט וַואסֶער; מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַזוֹי צֶעבְרָאכְן, נָאר דֶער גִּלְיוֹן רֶעדְט צוּ זֵיי.

אַז דוּ בִּיסְט אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיף לֶעיקְוָואד זָאלְסְטוּ אוֹיסְנוּצְן דַיין שְׁלִיחוּת, אַזוֹי וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְעֶכְטְן.

...

## אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק פָארְן צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בֹּא, ז' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּמֶענְדִיגֶע שַׁבָּת פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק חֵשֶׁק צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זִיךְ צוּ קֶענֶען מִשְׁתַּטֵּחַ זַיין עַל קִבְרוֹ; לְמַעֲשֶׂה, אִין דִי יֶעצְטִיגֶע זְמַנִּים אִיז אַלֶעס פַארְמַאכְט, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶועג צוּ פָארְן.

וְוי נָאר דוּ הֶערְסְט אָדֶער דוּ וֵוייסְט עֶפֶּעס אַן אוֹפֶן וְוי אַזוֹי מֶען קֶען פָּארְן זָאלְסְטוּ מִיר מוֹדִיעַ זַיין.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶועלְן מִיר מַאכְן אַ סְעוּדָה לְכָבוֹד דִי הִלוּלָא, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קוּמֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין אִינְאֵיינֶעם.

...

## אִיךְ הָאף דוּ אִינְוֶועסְטִירְסְט אִין גוּטֶע פְּלֶעצֶער וָואס בְּרֶענְגֶען זִיכֶערֶע פַּארְדִינְסְטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ז׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף אַז דוּ אִינְוֶועסְטִירְסְט אִין גוּטֶע פְּלֶעצֶער, אִין פְּלֶעצֶער וָואס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען זִיכֶערֶע פַּארְדִינְסְטְן; אַז מֶען גֵייט יֶעדְן טָאג אִין שׁוּל דַאוֶונֶען - דָאס אִיז זִיכֶערֶע רְוָוחִים, אַז דוּ וֶועסְט עֶפֶענֶען דִי גְמָרָא, בְּלֶעטֶערְן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא - דָאס אִיז זִיכֶערֶע פַּארְדִינְסְטְן, דִי חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנָיוֹת - דָאס זֶענֶען זִיכֶערֶע פַּארְדִינְסְטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, נֶעם אָן דִי פָּאר וֶוערְטֶער; מַאךְ דִי רִיכְטִיגֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת, נֶעם זִיךְ צַאם, זֶע עֶס זָאל עֶפֶּעס אִיבֶּערְבְּלַייבְּן, וַוייל נָאר דָאס וֶועט אִיבֶּערְבְּלַייבְּן - תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## אוֹיף אֵיינֶעם וָואס טוּט, הָאבּ מֶען אַלְץ טַעֲנוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ז׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט מִיט דֶעם וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת.

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק פוּן סְפִּינְקָא רֶבִּי שְׁלִיטָ"א; פְּאַרִיגֶע וָואךְ הָאבּ אִיךְ אִים גֶעטְרָאפְן בַּיי אַ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחָה, עֶר הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען אִיךְ זָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי אַרְבֶּעט פוּן מְחַזֵּק זַיין בָּחוּרִים, אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא טַעֲנוֹת וְכוּ'.

מִיר זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִין גַאס, וַוייזְט עֶר מִיר: "קוּק, אַ קַאר וָואס אִיז פַּארְקִירְט מַאכְט נִישְׁט קַיין עֶקְסִידֶענְטְס, אַ קַאר וָואס פָּארְט מַאכְט עֶקְסִידֶענְטְס; אַזוֹי אוֹיךְ אֵיינֶער וָואס טוּט גָארְנִישְׁט, אוֹיף אִים הָאט מֶען נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת, עֶר אִיז אַזוֹי וִוי אַ גֶעפַּארְקְטֶע קַאר, מַה שֶׁאֵין כֵּן דֶער וָואס טוּט, אוֹיף אִים אִיז דָא טַעֲנוֹת".

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי וֶוערְטֶער, נִישְׁט שְׁוַואךְ וֶוערְן וֶוען מֶען רֶעדְט וְכוּ' אוּן מֶען הָאט טַעֲנוֹת.

...

### פְּרִישְׁט אַייךְ אוֹיף מִיט אַ שִׁיעוּר הִתְחַזְּקוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בֹּא, ט' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁתִּחְיוּ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז דָא אַ שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת אִין שְׁטֶעטְל פַאר אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא; עֶס וֶועט זַיין פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אַ שֵׁיינֶע בָּאטֶע אוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶועט זַיין אַ שֵׁיינֶע מְלַוֶּה מַלְכָּה.

אַלֶע פְרוֹיעֶן פוּן שְׁטֶעטְל זֶענֶען גֶעלַאדְנְט מִיט צוּ הַאלְטְן, עֶס וֶועט זַיין פַאר אַייךְ שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק, אִיר וֶועט אוֹיךְ קֶענֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען גוּטֶע זַאכְן אוּן שֶׁעפְּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת.

זוּנְטָאג וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר פוּן מָרַת ... תִּחְיֶ' פַאר דִי פְרוֹיעֶן; אִיר וֶועט זֵייעֶר הֲנָאָה הָאבְן אוּן זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן, עֶס אִיז וֶוערְד צוּ קוּמֶען מִיט הַאלְטְן דֶעם שִׁיעוּר.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## פִּיר זִיךְ וַוייטֶער אוֹיפְ׳ן רִיכְטִיגְן וֶועג, וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בֹּא, י״א שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס הֲנָאָה פוּן דַיין הִתְנַהֲגוּת, פוּן דַיין לֶערְנֶען אוּן פוּן דַיין דַאוֶונֶען.

פִּיר זִיךְ וַוייטֶער אוֹיף דֶעם וֶועג וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

...

## אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיסְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, וֶועסְטוּ אַ חָתָן וֶוערְן בְּקָרוֹב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בֹּא, י״א שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען פְלַייסִיג אוּן דַאוֶונֶען מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַנְדֶערֶע, זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיסְן אוֹיף אַנְדֶערֶע - וֶועסְטוּ אַ חָתָן וֶוערְן בִּיז אַ חוֹדֶשׁ צְוֵויי.

...

## אַ מְחַיֶ׳ צוּ זֶען וִוי שֵׁיין דוּ פִּירְסְט זִיךְ אוֹיף

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בֹּא, י״א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ מְחַיֶ׳ צוּ זֶען וִוי פְלַייסִיג דוּ לֶערְנְסְט אוּן וִוי דוּ פִּירְסְט זִיךְ בְּיִרְאַת הַשֵּׁם טְהוֹרָה.

עֶס וֶועט נִישְׁט לַאנְג נֶעמֶען בִּיז דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

...

## מַאךְ נִישְׁט חוֹזֶק פוּן דַיין וַוייבְ׳ס עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י״א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן גוּטֶע גְרוּסְן אוֹיף דִיר; דַיין וַוייבּ שְׁרַייבְּט אִינֶעם בְּרִיוו אַז זִי אִיז הֶעכְסְט צוּפְרִידְן פוּן דִיר, דוּ פִּירְסְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, דוּ רֶעדְסְט שֵׁיין צוּ אִיר.

גֶעדֶענְק נִישְׁט צוּ חוֹזֶק מַאכְן פוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן; קֵיינְמָאל זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף אִירֶע עֶלְטֶערְן. עֶס טוּט זֵייעֶר וֵויי וֶוען מֶען הֶערְט אַ צְוֵוייטְן חוֹזֶק מַאכְן; אֲפִילוּ דוּ הֶערְסְט וִוי זִי רֶעדְט קֶעגְן אִירֶע עֶלְטֶערְן, זִי רֶעדְט זִיךְ אוֹיס, זִי דֶערְצֵיילְט שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אַלְס קִינְד, זָאלְסְטוּ אָבֶער גֶעדֶענְקֶען צוּ בְּלַייבְּן שְׁטִיל אוּן נִישְׁט מִיט רֶעדְן.

עֶס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט וִוי דָאס קֶען זַיין, וֶוען זִי אַלֵיינְס רֶעדְט זִיךְ אָפּ וְכוּ׳ וְכוּ׳ אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אוֹיבּ זִי וֶועט הֶערְן פוּן אַנְדֶערֶע וָואס רֶעדְן וֶועט אִיר דָאס שְׁטֶערְן? אָבֶער דָאס אִיז אַ פַּאקְט.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי נְקוּדָה וֶועט זַיין שָׁלוֹם בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען דַארְף אָנְנֶעמֶען דֶעם פְּסַק פוּנֶעם דַיָּין

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י״א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז מֶען פְרֶעגְט אַ שְׁאֵלָה דֶעם דַיָּין אוּן דֶער דַיָּין פַּסְקְ׳נְט - דַארְף מֶען דָאס אָנְנֶעמֶען; מֶען טָאר נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן, מֶען טָאר נִישְׁט הָאבְּן סְפֵיקוֹת אִין דֶעם.

דִי תּוֹרָה וָואס זָאגְט אָסוּר זָאגְט אוֹיךְ מֻתָּר, דִי תּוֹרָה וָואס זָאגְט נֵיין זָאגְט יָא אוּן אַז מֶען וִויל נָאר הֶערְן נֵיין, מֶען וִויל נָאר הֶערְן אָסוּר - הָאט דָאס נִישְׁט מִיט דִי תּוֹרָה, דָאס אִיז אַן עֲבֵירָה.

וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאגְט מֶען אִין דִי וִודוּי: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה אוֹיף צְוֵויי זַאכְן", מֶען בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֵיינְס: "אֵת אֲשֶׁר טִהַרְתָּ טִמֵּאתִי", וָואס דוּ הָאסְט מְטַהֵר גֶעוֶוען - הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַלֵיינְס מְטַמֵּא גֶעוֶוען, אוּן צְוֵוייטְנְס: "אֵת אֲשֶׁר טִמֵּאתָ טִהַרְתִּי", וָואס דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט עֶס אִיז טָמֵא - הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט טָהוֹר, "אֵת אֲשֶׁר הִתַּרְתָּ אָסַרְתִּי", דָאס וָואס דוּ הָאסְט מַתִּיר גֶעוֶוען - הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַלֵיינְס גֶע'אֲסְרְ'ט, "אֵת אֲשֶׁר אָסַרְתָּ הִתַּרְתִּי", דָאס וָואס דוּ הָאסְט גֶע'אֲסְרְ'ט הָאבּ אִיךְ מַתִּיר גֶעוֶוען.

נִישְׁטָא קַיין אִיבֶּערְטְרַאכְטְן; אַז מֶען הָאט אַ שְׁאֵלָה פְרֶעגְט מֶען דֶעם דַיָּין אוּן וָואס דֶער דַיָּין פַּסְקְ'נְט אַזוֹי טוּט מֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִנְהָגִים אִין טָאג וָואס דָאס קִינְד בַּאקוּמְט פֵּיאוֹת

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י״א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין זוּן אִינֶעם טָאג וֶוען עֶר בַּאקוּמְט פֵּיאוֹת אַז עֶר זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גוֹיִם, דֶעם טָאג פוּנֶעם אָפְּשֶׁערְן זָאל נִישְׁט זַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין גוֹי׳טֶע אוּן וֶוען דוּ טְרָאגְסְט דַיין קִינְד אִין חֵדֶר זָאלְסְטוּ אִים אַיינְוִויקְלֶען אִין אַ טַלִית.

בְּנוֹגֵעַ נִישְׁט רוּפְן פְּרוֹיעֶן צוּם אָפְּשֶׁערְן; עֶס זֶענֶען דָא וָואס זֶענֶען מַקְפִּיד אַז עֶס זָאלְן נִישְׁט זַיין קַיין פְּרוֹיעֶן בַּיים אָפְּשֶׁערְן, אוֹיךְ אִיז דָא וָואס זֶענֶען נָאךְ מֶער מַקְפִּיד אַז דִי מַאמֶע פוּנֶעם קִינְד אִין גֶעוִויסֶע זְמַנִים זָאל נִישְׁט זַיין בַּיים אָפְּשֶׁערְן; בַּיי אוּנְז גֶעבְּט מֶען אַכְטוּנְג אַז דֶער קִינְד זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גוֹיִם.

בְּנוֹגֵעַ גֵיין אָפְּשֶׁערְן דָאס קִינְד בַּיי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; וָואס דַארְפְסְטוּ מַאכְן מַחֲלֹקֶת? גֵיי מִיט דַיין קִינְד צוּ ... רֶבִּי, אַזוֹי וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין מַחֲלֹקֶת אוֹיף דִיר, דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דַיין וַוייבְּ׳ס עֶלְטֶערְן וֶועלְן זַיין פְרֵיילִיךְ; דַארְפְסְט נִישְׁט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה.

בְּנוֹגֵעַ גֵיין אוֹיף קִבְרֵי צַדִיקִים אִין דִי חֲדָשִׁים וָואס מֶען וַוארְט וְכוּ׳; פְּרוֹיעֶן גֵייעֶן נִישְׁט אוֹיף קַיין בֵּית הַחַיִים, אָבֶער אַז מֶען ווִיל פָארְן צוּ קִבְרֵי צַדִיקִים אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם, יֶעדֶע צַייט קֶען מֶען גֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שִׁידוּכִים רֶעדְט מֶען נָאר צוּ דִי עֶלְטֶערְן, נִישְׁט צוּ דִי בָּחוּרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י״א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַשַּׁדְכָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁכָרְךָ הַרְבֵּה מְאֹד, דַיין שְׂכַר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס מִיטְ׳ן מַאכְן שִׁידוּכִים; נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא מִצְוָה פוּן מַאכְן שִׁידוּכִים.

אִיךְ וִויל דִיר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ. אִיךְ בִּין דִיר דַן לְכַף זְכוּת אַז מִן הַסְתָּם כַאפְּסְטוּ נִישְׁט וָואס דוּ טוּסְט; אִיךְ בִּין אַוֶועק גֶעפָארְן דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת מִיט תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה, שַׁבַּת הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר דִי בָּחוּרִים וָואס גֵייעֶן נָאךְ גֶעלְט צוּ הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה, עֶס אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ הֶערְן פוּן זֵיי פְּרָטִים וָואס טוּט זִיךְ אִין יְשִׁיבָה.

זֵיי הָאבְן דֶערְצֵיילְט אַז דוּ רֶעדְסְט צוּ זֵיי פוּן שִׁידוּכִים; אַנְשְׁטָאט גֵיין צוּ זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן גֵייסְטוּ צוּ זֵיי, דוּ פַארְדְרֵייסְט זֵיי דֶעם קָאפּ אָן שֵׂכֶל.

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַפָּאר מָאל גֶעבֶּעטְן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן מִיט בָּחוּרִים פוּן שִׁידוּכִים, עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט צוּ גֵיין רֶעדְן צוּ בָּחוּרִים; אַז דוּ ווִילְסְט מַאכְן שִׁידוּכִים זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

אִיךְ הָאף אַז דָאס אִיז דִי לֶעצְטֶע מָאל, דוּ וֶועסְט אָפְּלָאזְן דִי בָּחוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## טוּ אַלֶעס וָואס דוּ קֶענְסְט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י״א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הֶער אַלֶע טַעֲנוֹת פוּן דִיר אוֹיף אִים אוּן פוּן אִים אוֹיף דִיר; אִיךְ שְׁטֵיי אִין דֶער זַייט, אִיךְ זָאג גָארְנִישְׁט, אִיךְ ווִיל זֶען ווִי אַזוֹי דֶער רֶבִּי וֶועט אוֹיסְפִירְן.

אִיךְ בִּין דָאס אַרִיבֶּער נִישְׁט אֵיין מָאל, נִישְׁט צְוֵויי מָאל נָאר צֶענְדְלִיגֶער מָאל אוּן אִיךְ גֵיי דָאס נָאכְאַלְץ אַרִיבֶּער; אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט. דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז אַזוֹי ווִי דֶער אָרוֹן, בַּיים אָרוֹן אִיז גֶעוֶוען אַ בְּחִינָה פוּן (סוֹטָה לה.): "אָרוֹן נוֹשֵׂא אֶת נוֹשְׂאָיו", עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גַבָּאִים גֶעשְׁטֶעלְט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס הָאבְּן גֶעטְרָאגְן דֶעם אָרוֹן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת הָאט דֶער אָרוֹן זֵיי גֶעטְרָאגְן, עֶס הָאט נָאר אוֹיסְגֶעזֶען לְפָנִים ווִי זֵיי טְרָאגְן דָאס; דָאס זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי פָּארֶעט זִיךְ מִיט זַיינֶע זַאכְן, עֶס זֶעט אוֹיס ווִי דֶער מַאכְט, דֶער טוּט, דֶער אִיז אַ גוּטֶע גַבְּאַי, דֶער שְׁטֶערְט, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה פִירְט דֶער רֶבִּי אַלֶעס, בַּיים סוֹף בְּלַייבְּט דֶער רֶבִּי בַּעַל הַבַּיִת. עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט רֶעדְן מִיט הָאבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר וֶועט דִיר דֶערְצֵיילְן וָואס עֶס הָאט זִיךְ גֶעטוּן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אַלֶע יָארְן, עֶר וֶועט דִיר מְחַזֵק זַיין.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער, ווִיפִיל מַחֲלֹקֶת אוּן יְסוּרִים אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט פוּן וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן בִּיז'ן הַיינְטִיגְן טָאג. דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ אִיז מִיר גֶעוֶוען דִי מַחֲלֹקֶת אִינֶעווֵיינִיג אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פוּן נָאנְטֶע חֲבֵרִים, אִיךְ הָאבּ גֶעווּיסְט אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל מִיר אַוֶועק שְׁלֶעפְּן פוּן דֶעם פְּלַאץ דֶערִיבֶּער פְּרוּבִּירְט עֶר אַלֶע וֶועגְן.

דוּ טוּ אַלֶעס וָואס דוּ קֶענְסְט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם, דוּ זֵיי שְׁטַארְק מִיט הֲפָצָה; דוּ זֶעסְט דָאךְ מִיט דַיינֶע אוֹיגְן וָואס הֲפָצָה טוּט. דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר יֶעדְן טָאג פְרִישֶׁע מַעֲשִׂיוֹת ווִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי סְפָרִים, מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן מִיט דִי נִיגוּנִים, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן צוּגֶעקְנִיפְּט צוּם רֶבִּי'ן בָּזֶה וּבַבָּא.

אִיךְ הָאבּ דִיר נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אָבֶּער אִיךְ דַארְף אַרַיינְגֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים, אִיךְ דַארְף גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## װען עס קומט צו פרעגן הלכה שאלות, טאר מען זיך נישט שעמען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י״א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיװ.

בּוּשָׁה אִיז אַ גוּטֶע מִדָּה, אַ שֵׁיינֶע מִדָּה אוּן אַ אִידִישֶׁע מִדָּה; אֵיינֶע פוּן דִי אִידִישֶׁע סִימָנִים אִיז זַיין שֶׁעמֶעדִיג. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת עט.): דְרֵיי סִימָנִים אִיז דָא בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, ״רַחֲמָנִים, בַּיְישָׁנִין וְגוֹמְלֵי חֲסָדִים״; אָבֶּער װִיסְן זָאלְט אִיר אַז עֶס אִיז דָא צַייטְן װָאס מֶען דַארְף אַװֶעקְלֵייגְן דִי בּוּשָׁה אוּן מֶען דַארְף זִיךְ בַּאנוּצְן מִיט עַזּוּת דִּקְדֻשָּׁה, װֶוען עֶס קוּמְט צוּ פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת טָאר מֶען נִישְׁט זַיין שֶׁעמֶעדִיג, װֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּם דָיָין דַארְף מֶען לֵייגְן אַלֶע גֶעפִילְן אִין דֶער זַייט, מֶען דַארְף רֶעדְן קְלָאר אוּן דֵייטְלִיךְ, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע פְּרָטִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ה): ״וְלֹא הַבַּיְשָׁן לָמֵד״, דֶער װָאס שֶׁעמְט זִיךְ צוּ פְרֶעגְן - װֵייסְט נִישְׁט װִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; יֶעדֶע שְׁאֵלָה װָאס מֶען הָאט - מוּז מֶען פְרֶעגְן אַן עֶרְלִיכְן מוֹרֶה הוֹרָאָה, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען בּוֹיעֶן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

אִיר שְׁרַייבְּט אַז עֶס אִיז אַייךְ זֵייעֶר שְׁװֶוער, אִיר עֶנְדִיגְט נִישְׁט מִיט אַייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳; אִיר הָאט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט דֶעם טֶעלֶעפָאן מִיטְ׳ן דַיָּין אוּן אִיר קֶענְט נִישְׁט עֶנְדִיגְן װֵיינֶען, עֶס אִיז אַייךְ אַזוֹי שְׁװֶוער נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן מִיט דִי הֲלָכוֹת, אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר דַארְפְט אַפָּאר װֶוערְטֶער פוּן חִיזוּק אִיר זָאלְט זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן.

װִיסְן זָאלְט אִיר, אַ פְּרוּי װָאס הִיט זִיךְ, זִי פִירְט זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה - װֶועט בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַסַאךְ שְׂכַר. זִי װֶועט זֶען שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, אִירֶע קִינְדֶער װֶועלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן עֶרְלִיךְ. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן זֵייעֶר שַׁארְף אוֹיבּ מֶען הַאלְט נִישְׁט דִי הֲלָכוֹת אוּן זֵיי זָאגְן צוּ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שְׂכַר פַאר דִי װָאס הַאלְטְן דִי הֲלָכוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי זָאגְט (שְׁבוּעוֹת יח:) װֶוער עֶס הִיט

נִישְׁט דִי הֲלָכוֹת: "אֲפִילוּ הַוְיָין לוֹ בָּנִים כִּבְנֵי אַהֲרֹן - מֵתִים", אֲפִילוּ עֶר הָאט קִינְדֶער אַזוֹי גְרוֹיס ווי די קִינְדֶער פון אַהֲרֹן הַכֹּהֵן - וֶועלְן זֵיי שְׁטַארְבְּן, און רֶבִּי יוֹחָנָן זָאגְט, דֶער וָואס הִיט יָא די הֲלָכוֹת: "הַוְיָין לוֹ בָּנִים זְכָרִים", און נִישְׁט סְתַּם קִינְדֶער, נָאר רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי לֵייגְט צוּ, עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ "בָּנִים רְאוּיִין לְהוֹרָאָה", צוּ קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אַזוֹי חָשׁוּב, צוּ קֶענֶען פַּסְקְ'נֶען שְׁאֵלוֹת, און אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן מד): "כָּל שֶׁאֵינוֹ פּוֹרֵשׁ מֵאִשְׁתּוֹ סָמוּךְ לְוִסְתָּהּ, אֲפִלּוּ הֲוֵי לֵהּ בָּנִים כִּבְנֵי אַהֲרֹן - מֵתִים. וְכָל הַפּוֹרֵשׁ, הַוְיָן לֵהּ בָּנִים זְכָרִים וּרְאוּיִין לְהוֹרָאָה".

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס רִירְט זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק פון די תּוֹרָה, דֶער וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי נָאר מֶען הֵייבְּט אָן טוּן, הֵייבְּט זִיךְ אָן סְפֵיקוֹת מִיט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, י"א שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן וָואס הָאט פַּאסִירְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר זָאלְסְט מְחַזֵק זַיין דַיין וַוייבּ; זַיי אִיר מַסְבִּיר אַז אַזוֹי גֵייט עֶס מִיט אַלֶע וָואס הֶעלְפְן און טוּעֶן. אַז מֶען טוּט נִישְׁט, מֶען הֶעלְפְט נִישְׁט - הָאט מֶען נִישְׁט קַיין סְפֵיקוֹת, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בִּלְבּוּלִים, ווי נָאר מֶען הֵייבְּט אָן טוּן - הֵייבְּט זִיךְ אָן סְפֵיקוֹת מִיט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וְכוּ' וְכוּ'.

בֶּעט אִיר זִי זָאל וַוייטֶער הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן; אִיךְ וֶועל עֶנְק זַייעֶר מַחֲזִיק טוֹבָה זַיין אוֹיף וָואס דוּ מִיט דַיין וַוייבּ הֶעלְפְן מִיר, עֶנְק וֶועלְן נִישְׁט דֶערְלֵייגְן, עֶנְק וֶועלְן שֵׁיין בַּאצָאלְט וֶוערְן.

כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין מִכְשׁוֹלוֹת פון הַיינְט און וַוייטֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין אִין שְׁטֶעטְל אַז אוֹיבּ אֵיינֶער וִויל נוּצְן פְּרַייטָאג צוּ

נַאכְטְס וְכוּ׳, - דַארְף מֶען קוּמֶען צוּ דַיין וַוייב נָאכְמִיטָאג זִי זָאל קֶענֶען זֶען אוֹיבּ אַלֶעס אִיז גוּט וְכוּ׳, אוּן אַז עֶס אִיז דָא שְׁאֵלוֹת וֶועט זִי הָאבְּן צַייט זִיךְ צוּ פַארְבִּינְדְן מִיטְ׳ן דַיָּין פְרֶעגְן, כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין מִכְשׁוֹלוֹת.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אָן קַיין חֲנוּפָה, עֶנְק זֶענֶען בַּיי מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב; נִישְׁט אַז אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען נִישְׁט חָשׁוּב, אָבֶּער דִי תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת וָואס גֶעבְּן אַוֶועק זֵייעֶר לֶעבְּן פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן, זֵיי הֶעלְפְן מִיר בּוֹיעֶן דִי מוֹסְדוֹת, זֵיי הֶעלְפְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם רֶבִּי׳ן אִין דִי וֶועלְט - זֶענֶען בַּיי מִיר גָאר חָשׁוּב, עֶס הָאט אַן אַנְדֶערֶע בַּאדֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֵצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ קַאץ

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אַ קַאץ קֶען הֶעלְפְן? אַ קַאץ קֶען מַאכְן נִיסִים?

נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען הֶעלְפְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען מַאכְן נִיסִים; דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, מִיר זָאלְן נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ קַאץ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין טָאכְטֶער אָדְל אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעדַאוֶוענְט יָארְן לַאנְג מִיט גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת פַאר אַ קַאץ. עֶר פְלֶעגְט דַאוֶוענֶען אִין אַ צִימֶער אוּן פְּלוּצְלוּנְג הֶערְט עֶר אַ גֶערוּדֶער וְוי אֵיינֶער דְרֵיידְט זִיךְ אִינְדְרוֹיסְן, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט "מִן הַסְתָּם זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס ווִילְן זֶען ווִי אַזוֹי אִיךְ דַאוֶוען", דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אֱמוּנָה, עֶר הָאט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר גֵייט זִיךְ שְׁטַארְק שָׁאקְלֶען אַז דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אִינְדְרוֹיסְן

זָאלְן זֶען וִוי שַׁיין עֶר דַאוֶונְט, יֶעדֶעס מָאל עֶר הָאט גֶעהֶערְט גֶערוּדֶער הָאט עֶר זִיךְ גֶעשָׁאקֶלְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר דַאוֶונְט, עֶכְט הָאט עֶר נִישְׁט גֶעדַאוֶונְט.




וֶוער מַאכְט דִי גֶערוּדֶער?

וֵוייסְט אִיר קִינְדֶער וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען אִינְדְרוֹיסְן? וֵוייסְט אִיר וֶוער עֶס הָאט גֶעמַאכְט דִי גֶערוּדֶער? אַ קֶעצְל! דָארְט הָאט גֶעוואוֹינְט אַן אַלְטֶע פְרוֹי, זִי פְלֶעגְט אַוֶועקְשְׁטֶעלְן אִינְדֶערְפְרִי אַ טָאפּ מִיט מִילֶךְ פַאר דִי קֶעץ, דִי קֶעץ פְלֶעגְן אַרוּמְשְׁפְּרִינְגֶען בַּיים טְרִינְקֶען דִי

מִילְךְ אוּן פוּן דֶעם אִיז גֶעקוּמֶען דִי גֶערוּדֶער, הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: ״קוּמְט אוֹיס אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעדַאוֶוענְט אַלֶע זַיינֶע טֶעג פַּאר קֶעצְלֶעךְ״.

בְּרֶסְלֶב׳עֶ קִינְדֶער דַאוֶוענֶען נִישְׁט פַּאר קֶעץ, זֵיי וֵוייסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים, יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען בֶּעט אִים גֵייט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען זֶעט גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. בְּרֶסְלֶב׳עֶ קִינְדֶער - וָואס זֵיי דַארְפְן בֶּעטְן זֵיי נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט נִישְׁט קַיין קֶעץ אוּן נִישְׁט קַיין מֶענְטְשְׁן, וַוייל נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען הֶעלְפְן.

---

א חלק פון די הערליכע מעסידזשעס וואס די חשוב׳ע קינדער האבן אריינגעשיקט:

**״איך האב זיך אויסגעלערנט פון די מעשה פון עצתו אמונה פאר קינדער אז מען דארף בעטן דעם אייבערשטן״**

ברוך אינדיג, תלמוד תורה היכל הקודש וויליאמסבורג, כתה ג׳, הר״ר ישראל יעקב ווייס שליט״א

**״איך האב זיך ארויסגעלערנט פון עצתו אמונה אז מ׳דארף אלעס בעטן פונעם אייבערשטן, און זיך פרייען אז מ׳גייט אנגעטון ווי אן ערליכער איד״**

אליעזר שלמה פארקאש, תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב, קרית יואל

בעזהשי"ת

**באקומט אויף די פאסט יעדע וואך בעז"ה**
**בית נצחי, גליון היכל הקודש,**
**עצתו אמונה, און קרית ברסלב בלעטל**




**רופט 102 / 718-387-2691**

**אדער**

**אדער שיקט אן אימעיל צו** subscribe@kerenhadfusa.org

בס"ד



נייעס פון "קול ברסלב"
212-444-9191
845-351-0910
מאנטאג בא – מאנטאג בשלח תשפ"א
1 טעגליכע קורצע עצות און חיזוק, ווי אויך אנצוקומען שנעל צו די נייסטע שיעורים
2 שיעורים און דרשות פון דער ראש ישיבה שליט"א
3 שיעורים פון מוהרא"ש ז"ע
4 מלמדים שטיבל און אנדערע שיעורים
5 היכל נגינה
6 שיעורים בסדרן מיט צו זאגן
7 פאמיליע ווינקל
8
9 צו מנדב זיין פאר די האטליין און ישיבה, פאר אנווייזונגען און אינפארמאציע, זיך צו פארבינדן מיט די מערכת און פאר די לייוו הוקאפ
0 אפדעיטס און נייעס
7
1
2
2
2
7
1
4
5
3
6

75 - דרשה פון מאנטאג בא ביי א סעודת ברית

76 - שיעור פון מאנטאג בא: איך ווער פארברענט

77 - דרשה פון דינסטאג בא ביי א סעודת ברית

78 – דרשה פון מיטוואך בא ביים סיום הש"ס פון הילד שמעון ב"ר מאיר דוד פארקאש

79 – שיעור פון זונטאג בשלח: הלל'ס געדולד

1

72 – א חינוך שמועס פון דאנערשטאג בא

3

פרישע שמועסן אין מלמדים שטיבל

1

16 - שיעור פאר אינגעלייט ליל שישי פרשת בא: רעד ווייך

6

שיינע שמועסן ביים סוף פון פסחים דף נט [לימוד התורה], סב [אינוועסטמענטס און תכלית]

פרישע מעשיות פון תפלה פון אינגעלייט, בחורים און קינדער

פרישע פערזענליכע מעשיות און חיזוק אויף הפצה

8 – די אכטע מעשה פון סיפורי מעשיות, די מעשה מיט'ן רב און בן יחיד, דערציילט פאר קינדער דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א

2

93 - א שמועס מיט ר' שלום פון קאנאדא איבער הפצה און חינוך

פרישע מעשיות פון צדיקים דערציילט פאר קינדער, צווישן זיי:

12 - נישט אוועקגעריקט פון טיר (עצתו אמונה פאר קינדער - פרשת בא)

13 - די שניי מענטש וואס לערנט תורה

1

27 (פרשת בא) – א פרישע לאנטש ברעיק שמועס: צוויי חתונות אין איין וואך אין ישיבה

אינעם קומענדיגן עמוד האבן מיר געברענגט שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די פארגאנגענע יארן אויף די פרשת השבוע און אלגעמיינע דרשות.

**די וואך שבת [י"ז שבט] געפאלט די יארצייט פון אבינו רועינו מוהרא"ש זצ"ל, האבן מיר אראפגעברענגט די שיעורים פון די סעודות הילולא פון די פארגאנגענע יארן.**

בס"ד

# שיעורים און דרשות פון דער ראש ישיבה שליט"א פון די פארגאנגענע יארן

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און דערנאך 1 פאר טעגליכע דרשות~

2, 24: א' בשלח תשע"ו - זיך היטן פון ליצנות און שלעכטע חברים
2, 25: ב' בשלח תשע"ו - שידוכים
2, 26: ג' בשלח תשע"ו - לערנען תורה
2, 27: ד' בשלח תשע"ו - פאלג דעם צדיק וועסטו מצליח זיין
2, 28: ה' בשלח תשע"ו - שבת און כבוד אב ואם
2, 29: ה' יתרו תשע"ו – רעדן צום אייבערשטן; כיבוד אב ואם

3, 58: ג' בשלח תשע"ז - פרשת המן
3, 59: ד' בשלח תשע"ז - קיינמאל נישט פארפאלן
3, 60: ב' יתרו תשע"ז - ס'קומט זיך מיר
3, 61: ג' יתרו תשע"ז - מעג א בחור דרייוון?
3, 62: ד' יתרו תשע"ז - וואקאציע
3, 63: ה' יתרו תשע"ז - א גוטע אינוועסטמענט

4, 58: א' בשלח תשע"ח – קיינמאל נישט ווערן צעפאלן
4, 59: ב' בשלח תשע"ח – מ'דארף רעדן צו קינדער
4, 60: ג' בשלח תשע"ח – שמעי ענדצווייג ע"ה
4, 61: ב' יתרו תשע"ח – זויבערע אויגן
**4, 62: ד' יתרו תשע"ח – מופתים פון מוהרא"ש זצ"ל**

5, 64: ב' בשלח תשע"ט - פלשתים
5, 65: ג' בשלח תשע"ט - בארד און פיאות
5, 66: ד' בשלח תשע"ט - האב נישט מורא
5, 67: א' יתרו תשע"ט - פארוואס אזויפיל חיזוק?
5, 68: ב' יתרו תשע"ט - העלף מיר טאטע
*** [דער שיעור געפונט זיך אויך ביי די סעודת הילולא אפטיילונג] 5, 69: ג' יתרו תשע"ט - סעודת הילולת מוהרא"ש זכותו יגן עלינו**
5, 70: ד' יתרו תשע"ט - דער אייבערשטער רעדט צו מיר
5, 71: ה' יתרו תשע"ט - באשעפער געב מיר ליבשאפט

6, 70: ב׳ בשלח תש״פ - איך קען נישט פאלן

6, 71: ג׳ בשלח תש״פ - לאז מיך אפ

6, 72: ד׳ בשלח תש״פ - ווען יענער מאכט נערוועז

6, 73: ה׳ בשלח תש״פ - לכבוד שבת קודש

6, 74: א׳ יתרו תש״פ - חמשה עשר בשבט

6, 75: ב׳ יתרו תש״פ - ציטערט פון די אייגענע שאטן

**6, 76: ג׳ יתרו תש״פ [י״ז שבט] - הילולת מוהרא״ש זצ״ל [דער שיעור געפונט זיך אויך ביי די סעודת הילולא אפטיילונג] ***

6, 77: ד׳ יתרו תש״פ - לויף נישט אוועק

6, 78: ה׳ יתרו תש״פ - סיום הש״ס פון הבחור אברהם אלי׳ זעלקאוויטש

## סעודות הילולא פון מוהרא״ש זצ״ל

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט״א, דערנאך 3 פאר מועדים וזמנים, 7 פאר זמני השנה, 3 פאר די יארצייט פון מוהרא״ש~

**1 - ג׳ יתרו תשע״ו – סעודת הילולת מוהרא״ש זכותו יגן עלינו**

**2 - א׳ יתרו תשע״ז – סעודת הילולת מוהרא״ש זכותו יגן עלינו**

**3 - ה׳ יתרו תשע״ח – סעודת הילולת מוהרא״ש זכותו יגן עלינו**

**4 - ג׳ יתרו תשע״ט - סעודת הילולת מוהרא״ש זכותו יגן עלינו**

**5 - ג׳ יתרו תש״פ [י״ז שבט] - הילולת מוהרא״ש זצ״ל**

## שיעורים פאר אינגעלייט:

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט״א און דערנאך 2 פאר וועכנטליכע דרשות~

3, 15: ב׳ בשלח תשע״ח - ליצנות

4, 14: ה׳ בשלח תשע״ט - די כח פון ליצנות

5, 16: ה׳ בשלח תש״פ – אויפ׳ן טאטנ׳ס אקסל

# בשורה טובה!

די שטארק אויפגעכאפטע וועכנטליכע קונטרסים

## עצתו אמונה

איז שוין יעצט דא צו באקומען אפגעשיקט

**יעדע וואך צו אייער טיר אויף די פאסט**




הערליכע בריוו, שאלות ותשובות אין אלע אקטועלע נושאים אין טאג טעגליכן לעבן, געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה **הרה"ג ר' יואל ראטה שליט"א**

פאר די ביליגע פרייז פון בלויז **$2.99** פער וואך

פילע אידן זענען שוין אויפגעראכטן געווארן פון די געשמאקע בריוו, פול מיט עצות און חיזוק פאר יעדן פראבלעם, זייט אויך פון די גליקליכע!

צו סובסקרייבן קענט איר רופן אדער שיקן א טעקסט

קרן הדפסה היכל הקודש **718.387.2691**

אדער שיקט א אימעיל צו: **subscription@kerenhadfusa.org**

goodpointmediainc@gmail.com